NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06064

VUNDER MAYSES

Giambattista Basile

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשיאַן באַטיסטאַ באַסילע

וואונדער
מעשׂות

באַאַרבעט אויף יידיש

פון

יצחק האָראָוויץ

פאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

GIAN BATTISTA BASILE'S

WONDER TALES

Adapted into the Yiddish
by
ISAC HOROWITZ

Copyright, 1945
by Isac Horowitz
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 East 17th Street
New York 3, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
227 West 17th St., New York 11, N. Y.
255

אינהאַלט

אַ פּאָר ווערטער וועגן די וואונדער־מעשות 5

אַ קריגל טרערן 7

גאָלדענע רענדלעך 19

די פּלוי 31

די צוויי חברים 43

פּעטרישקע 55

דאָס צויבער־שטיינדל 65

יד דריי שוועסטער 77

דער שוטה 89

די דריי לימענעס 103

די קלוגע קאַץ 113

דאָס ווינטש־פינגערל 123

אַ פּאָר ווערטער וועגן די וואונדער־מעשׂות

די וואונדער־מעשׂות, וואָס איך גיי דאָ איבערדערציילן אויף ייִדיש, שטאַמען פונעם 17טן יאָרהונדערט. צו יענער צייט האָט אין דער איטאַליענישער שטאָט נעאַפּאָל געלעבט אַ מאַן מיט דעם נאָמען זשיאַן באַטיסטאַ באַסילע. ער האָט די מעשׂות אָנגעשריבן.

דאָס לעבן פון זשיאַן באַטיסטאַ באַסילע איז זייער ווייניק באַקאַנט. מ׳ווייסט נאָר, אַז ער האָט אַ סך אַרומגעווייזט איבער איטאַליע, און אַז ער איז געווען אַ דיכטער. ער האָט אָנגעשריבן אַ לאַנגע היסטאָרישע פּאָעמע, אויך אַ היפּשע צאָל סאָנעטן און אַנדערע לידער. אָבער יענע שאַפונגען זיינען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן.

די וואונדער־מעשׂות האָט זשיאַן באַטיסטאַ באַסילע געשריבן ווען ער איז שוין געווען אַן אַלטער מאַן. ער האָט זיי אָבער נישט געהאַלטן פאַר וויכטיק. וויכטיקער זיינען פאַר אים געווען די לאַנגע פּאָעמע, די סאָנעטן און די אַנדערע לידער, וואָס ער האָט געשריבן. אָבער זיין גורל האָט אַזוי געוואָלט, אַז גראָדע די וואונדער־מעשׂות זאָלן באַרימט ווערן איבער דער וועלט און פאַראייביקן זיין נאָמען אויף דורות.

זשיאַן באַטיסטאַ באַסילע האָט אָנגעשריבן פופציק אַזעלכע מעשׂות. ער האָט זיי געשריבן אין דעם נעאַפּאָליטאַנישן דיאַלעקט, און מיט אַ סך מליצה. זיין שפּראַך האָט אָבער פאַרמאָגט אַ סך קאָליר און בילדלעכקייט.

צווישן היסטאָריקער גייט אָן אַ חלוקי־דעות צי זשיאַן באַטיסטאַ באַסילע איז באמת געווען דער מחבר פון די דאָזיקע מעשׂות. טייל ווילן האָבן, אַז ער האָט זיי געהערט און אויפגעקליבן אויף זיינע רייזעס, און טייל טענהן, אַז ער האָט זיי אַליין געשאַפן. אָבער אין דעם וועלן מיר זיך דאָ נישט אַריינלאָזן. וויכטיקער איז דאָס, וואָס די מעשׂות פון זשיאַן באַטיסטאַ באַסילע זיינען מיט דער צייט געוואָרן דער קוואַל, פון וועלכן אַ סך שפּעטערדיקע שרייבער האָבן געשעפּט זייערע קינדער־מעשׂות. פונדעסטוועגן איז אין זיי פאַרבליבן אַזאַ פרישקייט און

צויבער, אַז ווען נישט זייער פּאַרצייטיקע מליצה־שפּראַך און די טשי־קאַווע נעמען פון די כאַראַקטערן, וואָלט מען זייער אַלטקייט לחלוטין נישט געפילט. דאָס איז דערפאַר, ווייל די פּאַסירונגען און פּאַנטאַזיעס אין זשיאָן באַטיסטאַ באַסילעס מעשות וואַקסן אַרויס פון יענע מענטשלעכע געפילן און באַגערן, וואָס זיינען אייביק אמת.

ביים באַאַרבעטן די דאָזיקע מעשות, האָב איך זיך באַנוצט דער־עיקרשט מיט זייערע סוזשעטן און כאַראַקטערן, אָבער גאַנץ ווייניק מיט זייער שפּראַך. אַזוי, למשל, האָב איך אויסגעלאָזן סיי די מליצה און סיי די לאַנגע הקדמות, אין וועלכע דער מחבר באַנוצט זיך מיט אַ סך מוסר און מאָראַל, וואָס וואָלטן שוין היינט קיין איינדרוק נישט געמאַכט. אגב, האָבן דאָס אַנדערע איבערזעצער און באַאַרבעטער אויך געטאָן.

איך דערצייל דאָ איבער עלף מעשות. אייגנטלעך זיינען דאָס בלויז צען מעשות. די ערשטע מעשה איז אַן אַריינפיר צו די אַנדערע מעשות, וואָס ווערן דערציילט פון צען מעשה־דערציילערנס אין משך פון פינף טעג. אַזוי אַרום זיינען די עלף מעשות אי געבונדן צווישן זיך, און אין דער זעלבער צייט איז יעדע מעשה אַ גאַנצע און פאַרענדיקטע אין זיך גופא.

איך וויל האָפן, אַז מיינע יונגע לעזער וועלן האָבן די זעלבע גרויסע הנאה ביים לייענען זשיאָן באַטיסטאַ באַסילעס וואונדער־מעשות, ווי איך האָב געהאַט ביים באַאַרבעטן זיי אויף יידיש.

יצחק האָראָוויץ

אַ קריגל טרערן

א

אַ מאָל איז געווען אַ קעניג, האָט ער געהאַט אַ טאָכטער וואָס האָט געהייסן זאַזאַ. איז זי געווען זייער אַן אומעטיקע. זי פלעגט קיינמאָל נישט לאַכן. איז דער קעניג געווען שטאַרק באַזאָרגט און האָט געקלערט: וואָס זאָל ער טאָן, אַז זיין טאָכטער זאָל פריילעך ווערן? האָט ער באַפוילן, מ׳זאָל ברענגען צו איר שטאָלצנגייער רייפנשפרינגער, זשאָנגלערן, שוואַרצקינצלער, פּאַיאַצן, טאַנצנדיקע הינט און דעם אייזל, וואָס טרינקט פון אַ פינגערהוט. האָט מען אַזוי געטאָן, אָבער די בת־מלכה איז פון די אַלע זאַכן נישט פריילעכער געוואָרן.

איז דעם קעניג איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק: ער וועט לאָזן אויס־בויען אַ גרויסן אויל־פאָנטאַן פונקט אַקעגן דעם טויער פון זיין פּאַ־לאַץ. דערנאָך וועט ער הייסן, מ׳זאָל דעם אויל לאָזן רינען באַרג־אַראָפּ, צום וועג; און אַזוי ווי די פאַרבייגייער וועלן נישט וועלן איינשמירן זייערע קליידער, וועלן זיי מסתמא פּרואוון אַריבערשפּרינגען דעם שטראָם אויל. וועט איינער שפּרינגען ווי אַ ציג, אַ צווייטער ווי אַ היישעריק, אַ דריטער ווי אַ האָז — און אַז די בת־מלכה וועט דאָס זען, וועט עס איר אויסקוקן זייער קאָמיש, וועט זי לאַכן.

האָט מען אַזוי געטאָן, אָבער די בת־מלכה האָט נישט געלאַכט.

איינמאָל, ווען די בת־מלכה איז געזעסן ביים פענצטער, האָט זי געזען ווי אַן אַלטע פרוי שטייט איינגעבויגן אין מיטן וועג און שעפּט אָן אויל מיט אַ קריגל. פּלוצים איז אונטערגעלאָפן אַ יינגל, אַ וואַרף געטאָן אַ שטיין און צעבראָכן דאָס קריגל אויף פּיץ־פּיצלעך. איז די אַלטיטשקע געוואָרן שטאַרק אין כעס, און האָט זיך צעשריען:

— דו קליינער הונט! אַ קללה אויף דיר! דו זאָלסט געהאַנגען ווערן און קיין טראָפּן בלוט זאָל פון דיר נישט רינען! דו דאַרער כראָמדזשיק! דו אויסוואורף!

און דאָס יינגל האָט צוריקגעשריען:

— דו אַלטע מכשפה!

דאָ איז שוין די אַלטע געוואָרן אויסער זיך פון רציחה. זי איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון כעס, און געשטשירעט די ציין ווי אַ מאַלפּע. ווען די בת־מלכה האָט געזען ווי די אַלטע שפּרינגט, און ווי זי שטשירעט די ציין ווי אַ מאַלפּע, איז איר מיט אַמאָל באַפאַלן אַזאַ געלעכטער, אַז זי האָט שיר אַוועקגעחלשט לאַכנדיק.

— לאַך, בת־מלכה, לאַך! דו זאָלסט דערפאַר קיינמאָל נישט חתונה האָבן, סיידן מיט דעם בן־מלך טאַדעאָ פון רודנפעלד!

די בת־מלכה האָט באַפוילן, מ׳זאָל כאַפּן די אַלטע און זי ברענגען צו איר.

— זאָג מיר נאָר, וואָס איז דאָס געווען, אַ קללה צי אַ באַליידיקונג?

און די אַלטע האָט געענטפערט:

— זיי וויסן, בת־מלכה, אַז דער בן־מלך טאַדעאָ איז זייער אַ שיינער. אָבער אַ בייזער פיש האָט אים פאַרשפּאַרט אין אַ קבר, און אויס־

געקריצט די פֿאָלגנדיקע ווערטער אויף זיין מצבה: „דאָס מיידל, וואָס וועט וויינען דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד, און מיט אירע טרערן אָנפילן דאָס קריגל, וואָס הענגט אויף דער מצבה, וועט לעבע־דיק מאַכן דעם בן־מלך און ווערן זיין ווייב".

די בת־מלכה האָט באַפרייט די אַלטע פרוי און זיך געלאָזט גיין אויפזוכן דעם קבר פון דעם שיינעם בן־מלך טאַדעאָ. זי איז געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז זי איז צוגעקומען צו אַ פּאַלאַץ פון אַ פייע. ווען די פייע האָט דערהערט נאָך וואָס די בת־מלכה גייט, האָט זי אויף איר רחמנות געהאַט און איר געהייסן איבערנעכטיקן ביי זיך אין פּאַ־לאַץ. אויף מאָרגן האָט זי איר געשאָנקען אַ וועלשענע נוס, און צו איר אַזוי געזאָגט:

— נעם די נוס און היט זי גוט אָפּ. זאָלסט זי אָבער נישט עפענען, סיידן דיין לעבן וועט זיין אין געפאַר.

ב

די בת־מלכה האָט באַדאַנקט די פייע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און ווידער איז זי אָפּגעגאַנגען אַ לאַנגע צייט, ביז זי איז צוגע־קומען צו אַ פּאַלאַץ פון אַ צווייטער פייע. די צווייטע פייע האָט געטאָן ווי די ערשטע, און ביים אַוועקגיין האָט זי איר געשאָנקען אַ קאַשטאַ־נענע נוס.

דערנאָך איז די בת־מלכה אָנגעקומען צו אַ פּאַלאַץ פון אַ דריטער פייע. ווען די דריטע פייע האָט געזען די צוויי ניס, האָט זי פאַרשטאַ־נען, אַז מ׳דאַרף אויף דער בת־מלכה רחמנות האָבן. האָט זי איר גע־

שאַנקען אַ האָזל־נוס און ביים אַוועקגיין איר געזאָגט די זעלביקע ווערטער, וואָס די אַנדערע צוויי פייען.

זיבן יאָר נאָכאַנאַנד האָט די בת־מלכה אַזוי געוואַנדערט. איר וועג האָט זיך געשניטן דורך געדיכטע וועלדער און איבער טיפע טייכן. ענדלעך איז זי אָנגעקומען אין דער שטאָט רודנפעלד. ביים אַריינגאַנג פון שטאָט האָט זי געזען אַ גרויסן פאָנטאַן. דאָס וואַסער, וואָס האָט געשפריצט פונעם פאָנטאַן, האָט אויסגעזען ווי פערלדיקע טרערן. לעבן פאָנטאַן איז געווען אַ קבר פון מירמלשטיין. אויפן קבר איז געשטאַנען אַ שיינע מצבה, און אויף דער מצבה איז געהאַנגען אַ ווייס, פאָרצעלייען קריגל.

די בת־מלכה האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז דער קבר פון דעם שיינעם בן־מלך טאַדעאָ. האָט זי אַראָפּגענומען דאָס קריגל, זיך אַנידערגעזעצט אויפן קבר, און אָנגעהויבן וויינען אין קריגל אַריין. צוויי טעג און צוויי נעכט זיינען אירע טרערן אַריינגערונען אין דעם קריגל. זי איז געוואָרן אַזוי מיד פון זיצן און וויינען, אַז זי איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ביינאַכט, בשעת די בת־מלכה איז געשלאָפן, איז צוגעקומען אַ מיאוסע נעגער־פרוי אָנשעפּן וואַסער פון פאָנטאַן. זעענדיק אַז די בת־מלכה שלאָפט, און אַז דאָס קריגל איז שוין באַלד פול מיט טרערן, האָט די נעגער־פרוי אַזוי געטראַכט: זי וועט אַוועקגנבענען דאָס קריגל און אַליין דערגיסן דאָס איבעריקע ביסל טרערן. האָט די מיאוסע נעגער־פרוי טאַקע אַזוי געטאָן, און ווען דאָס קריגל איז פול געוואָרן, האָט זיך דער קבר געעפנט און דער בן־מלך איז אַרויסגעקומען. דער בן־מלך האָט אַרומגענומען די מיאוסע נעגער־פרוי, זי

אָפּגעפירט צו זיך אין פּאַלאַץ אַריין, און טאַקע דעם זעלבן טאָג חתונה געהאַט מיט איר.

ווען די בת־מלכה האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז דאָס קריגל איז נישטאָ, איז זי געוואָרן זייער פאַרצווייפלט. זי האָט אָבער באַלד פאַרשטאַנען, אַז קיין זאַך איז אין דעם נישט שולדיק, אַ חוץ איר אייגענע מידקייט.

ג

גייענדיק איבער דער שטאָט, האָט זי געהערט, אַז דער עולם קלייבט זיך פּראַווען אַ גרויסן יום־טוב לכבוד דער חתונה פון דעם בן־מלך טאַדעאָ מיט דער מיאוסער נעגער־פרוי. האָט זי באַלד פאַרשטאַנען ווי אַזוי די זאַך איז געשען, און צו זיך אַזוי געזאָגט:

— צוויי שוואַרצע זאַכן האָבן מיך אומגליקלעך געמאַכט: דער שלאָף און אַ נעגער־פרוי.

די בת־מלכה איז אַוועק און האָט געדונגען אַ שיין הויז פּונקט אַקעגן דעם בן־מלכס פּאַלאַץ. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן גאַניק און געהאַלטן אין איין קוקן אויפן פּאַלאַץ.

איינמאָל איז דער בן־מלך צוגעקומען צום פענצטער און האָט באַמערקט די שיינע בת־מלכה, וואָס זיצט קעגנאיבער אויפן גאַניק. איר שיינקייט האָט אים פאַרכישופט, און ער האָט שוין מער פון פענצטער נישט געקאָנט אָפּטרעטן. ווען זיין נעגער־ווייב האָט דאָס באַמערקט, איז זי געוואָרן אייפערזיכטיק, און געזאָגט:

— אויב דו גייסט נישט אַוועק פון פענצטער, וועט אונדזער קינד געבוירן ווערן טויט!

דער בן־מלך האָט נישט געקאָנט אָפּרייסן זיינע אויגן פון פענצטער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז זיין קינד זאָל געבוירן ווערן טויט, איז ער אַוועק. ווען די בת־מלכה האָט באַמערקט, אַז דער בן־מלך שטייט שוין ניט ביים פענצטער, איז איר געוואָרן זייער טרויעריק אויפן האַרצן. זי איז קראַנק געוואָרן און האָט געפילט, אַז איר לעבן איז אין געפאַר. האָט זי זיך דערמאָנט אין די דריי ניס, וואָס די דריי פייען האָבן איר געשאָנקען. האָט זי געעפנט די וועלשענע נוס, און עס איז אַרויסגעקומען אַ קאַרליקל, קליין ווי אַ ליאַלקע, און שיין ווי די וועלט. זי האָט דאָס קאַרליקל אַוועקגעזעצט אויפן פענצטער, און עס האָט אָנגעהויבן אַזוי שיין צו זינגען, שענער פון אַלע זינגער אין דער וועלט.

ווען די נעגער־פרוי האָט דאָס דערהערט, האָט זי צוגערופן דעם בן־מלך, און געזאָגט:

— ברענג מיר דאָס קאַרליקל, וואָס זינגט אַזוי שיין, אַנישט וועט אונדזער קינד געבוירן ווערן טויט!

דער בן־מלך האָט קיין ברירה נישט געהאַט און געמוזט אויספאָלגן דעם פאַרלאַנג פון זיין מיאוסער נעגער־ווייב. ער האָט געשיקט אַ דינער פרעגן דער בת־מלכה, צי זי וועט אים פאַרקויפן דאָס זינגענדיקע קאַרליקל. די בת־מלכה האָט געענטפערט, אַז קיין סוחרטע איז זי נישט, נאָר אויב דער בן־מלך וויל, וועט זי אים שענקען דאָס קאַרליקל אַ מתנה. דער בן־מלך האָט די מתנה אָנגענומען, און זיין ווייב האָט זיך באַרואיקט.

ד

פיר טעג שפּעטער האָט די בת־מלכה געעפֿנט די קאַשטאַנע־נע נוס, און עס איז אַרויסגעקומען אַ הון מיט צוועלף גאָלדענע הינ־דעלעך. זי האָט די הון מיט די גאָלדענע הינדעלעך אויך אַוועקגע־זעצט אויפֿן פענצטער. די נעגער־פרוי האָט דאָס דערזען, און ווידער געזאָגט צום בן־מלך:

— ברענג מיר די הון מיט די גאָלדענע הינדעלעך, אַנישט וועט אונדזער קינד געבוירן ווערן טויט!

דער בן־מלך האָט ווידער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, און נאָך אַמאָל געשיקט זיין דינער צו דער בת־מלכה. די בת־מלכה האָט געגעבן דעם זעלביקן ענטפער: קיין סוחרטע איז זי נישט, נאָר אויב דער בן־מלך וויל, וועט זי אים שענקען די הון מיט די צוועלף גאָל־דענע הינדעלעך אַ מתנה. דער בן־מלך האָט אָנגענומען די מתנה, און געפילט גרויס דאַנקבאַרקייט צו דער שיינער בת־מלכה.

פיר טעג שפּעטער האָט די בת־מלכה געעפֿנט די האָזל־נוס, און עס איז אַרויסגעקומען אַ וואונדער־שיינע ליאַלקע, וואָס האָט געשפּו־נען גאָלד. אַזאַ ליאַלקע האָט נאָך קיינער אין דער וועלט נישט געזען. אָבער מער האָט די נעגער־פרוי נישט באַדאַרפט. ווי נאָר זי האָט דערזען די ליאַלקע קעגנאיבער אויפֿן פענצטער, האָט זי אויסגערופן צום בן־מלך:

— ברענג מיר די ליאַלקע, אַנישט וועט אונדזער קינד געבוירן ווערן טויט!

דאָס מאָל האָט שוין דער בן־מלך זיך געשעמט צו שיקן זיין דינער. איז ער אַליין געגאַנגען. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דער בת־מלכה וואָס ער האַלט זי אין איין באַלעסטיקן, און געזאָגט, אַז דאָס טוט ער נישט צוליב זיך, נאָר צוליב די קאַפּריזן פון זיין ווייב. די בת־מלכה האָט אים געשאָנקען די וואונדער־שיינע ליאַלקע, און גאָרנישט געזאָגט. נאָר איידער זי האָט אַריינגעלייגט די ליאַלקע אין זיינע הענט, האָט זי געבעטן ביי גאָט, אַז ווען די נעגער־פרוי וועט אָנרירן די ליאַלקע, זאָל זי קריגן אַ חשק צו הערן מעשׂות.

דער בן־מלך האָט גענומען די מתנה, און באַדאַנקט דער בת־מלכה. אָבער ווי נאָר זיין נעגער־ווייב האָט גענומען די ליאַלקע אין האַנט אַריין, האָט זיך אין איר האַרצן אָנגעצונדן אַ שטאַרקער חשק צו הערן מעשׂות. האָט זי צוגערופן דעם בן־מלך, און צו אים געזאָגט:

— זאָל מען מיר דערציילן מעשׂות, אַנישט וועט אונדזער קינד געבוירן ווערן טויט!

דער בן־מלך האָט באַפוילן, אַז די בעסטע מעשׂה־דערציילערינס פון שטאָט זאָלן גלייך קומען אין פּאַלאַץ אַריין. אָבער אַזוי ווי פאַר אַלע פון זיי איז אין פּאַלאַץ קיין אָרט נישט געווען, האָט ער אויסגעקליבן נישט מער ווי אָט די צען: די קודלעוואַטע זעזאַ, די קרומפּוסיקע צעקאַ, די גוידערדיקע מענעקאַ, די לאַנג־נאָזיקע טאָלאַ, די האָרבאַטע פּאָפּאַ, די וואַנצעוואַטע אַנטאָנעלאַ, די קורצע טולאַ, די קאַסאָקע פּאָלאַ, די פליכעוואַטע ביטאַ און די ברייט־פּלייציקע זשאַקאָוואַ.

ה

פלוצים האָט זיך צום בן־מלך געמאָלדן די שיינע בת־מלכה פון קעגנאיבער דעם פּאַלאַץ און געזאָגט, אַז זי וויל אויך דערציילן אַ מעשה. פילנדיק צו איר גרויס דאַנקבאַרקייט פאַר די פילע מתנות, האָט דער בן־מלך איינגעוויליקט. ער האָט באַפוילן, אַז אַלע זאָלן זיך אויסזעצן און אויסהערן די מעשה פון דער שיינער בת־מלכה.

די בת־מלכה האָט דערציילט די גאַנצע מעשה, ווי ס'האָט מיט איר געטראָפן. זי האָט דערציילט ווי זי האָט יאָרנלאַנג געוואַנדערט איבער וועלדער און טייכן, ביז זי איז אָנגעקומען צום קבר פון דעם בן־מלך טאַדעאָ; ווי זי האָט געוויינט צוויי טעג און צוויי נעכט, און ווי די מיאוסע נעגער־פרוי האָט ביי איר צוגעגנבעט דאָס קריגל טרערן און דערנאָך חתונה געהאַט מיט דעם בן־מלך.

ווען דער בן־מלך האָט דאָס דערהערט, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס און האָט באַפוילן, אַז זיין פאַלשע נעגער־ווייב זאָל באַלד פאַרלאָזן דעם פּאַלאַץ. דערנאָך האָט ער דערקלערט די שיינע בת־מלכה פאַר זיין ווייב, און געזאָגט צו די מעשה־דערציילערינס אַזוי:

— איר וועט איצט דערציילן אייערע מעשות מיין אמתדיק ווייב.

דער בן־מלך איז אַוועק מיט זיין נייער פרוי און מיט די צען מעשה־דערציילערינס צו זיך אין גאָרטן, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ שיינעם פאָנטאַן, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט די שענסטע בלומען, און אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די מעשות זאָלן זיך אָנהייבן.

גאָלדענע רענדלעך

א

די קודלעוואַטע זעזא האָט אָנגעהויבן איר מעשה:

אין אַ געוויסער שטאָט האָט אַמאָל געלעבט אַ פרוי מיט דעם נאָ־מען גראַנאַניא. האָט זי געהאַט אַ זון, וואָס האָט געהייסן וואַרדיעלאַ. אויף וואַרדיעלאַן קאָן מען זאָגן, אַז ער איז געווען ניט קיין גרויסער חכם און ניט קיין קלײנער נאַר. פונדעסטוועגן האָט אים זיין מאַמע זייער ליב געהאַט, און אים אָפּגעהיט ווי אַן אויג אין קאָפּ.

גראַנאַניא האָט געהאַט אַ הון, וואָס איז געזעסן אויף אייער און געהאַלטן אין אויסבריען הינדעלעך. האָט זי געהאָפט, אַז באַלד־באַלד וועלן די הינדעלעך אַרויסקומען, וועט זי פאַרקויפן די הינדעלעך און מיט דעם געלט דערנערן איר זון וואַרדיעלאַ.

איינמאָל האָט זי באַדאַרפט גיין אין מאַרק אַריין עפּעס איינ־קויפן. האָט זי צוגערופן איר זון און צו אים געזאָגט:

— מיין זון, הער זיך צו וואָס דיין מאַמע זאָגט דיר אָן. האַלט אַן אויג אויף דער הון און זע, אַז זי זאָל די אייער ניט צעפּיקן. און אויב דו וועסט זען, אַז זי טרעט־אָפּ פון די אייער, זאָלסטו זי צוריקטרייבן. ווייל טאָמער ווערן די אייער אָפּגעקילט, וועלן מיר האָבן ניט קיין אייער און ניט קיין הינדעלעך.

— איך וועל שוין אַכטונג געבן — האָט וואַרדיעלאָ געענטפערט.

— און נאָך עפּעס — האָט די מאַמע געזאָגט. — זעסט דאָס קריגל דאָרט אויבן אויף דער פּאָליצע? זאָלסט זיך צו יענעם קריגל חלילה ניט צורירן. דאָרט ליגן זאַכן, פון וועלכע מען קאָן זיך פאַרסמען.

— ניין, מאַמע, איך וועל זיך צו יענעם קריגל ניט צורירן — האָט וואַרדיעלאָ איר פאַרזיכערט.

ב

די מאַמע איז אַוועק אין מאַרק אַריין, און וואַרדיעלאָ איז געבליבן אין דער היים.

ניט וועלנדיק זיצן ליידיק, איז וואַרדיעלאָ אַוועק אין גאָרטן אויס־גראָבן גריבער און מאַכן פּאַסטקעס פאַר די יינגלעך, וואָס קומען גנבנען פּרוכט. פּלוצים דערזעט ער, אַז די הון איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב. האָט ער גענומען שרייען צו איר און טופּען מיט די פיס:

— צוריק אין שטוב אַריין!

די הון האָט אים ניט געפאָלגט. האָט ער זיך גענומען יאָגן נאָך איר, און יאָגנדיק זיך, האָט ער איר נאָכגעוואָרפן דאָס היטל, און דער־נאָך אַ שטיק האָלץ. דאָס שטיק האָלץ האָט געטראָפן דער הון אין קאָפּ אַריין, און זי איז אַוועקגעפאַלן אַ טויטע.

ווען וואַרדיעלאָ האָט געזען וואָס ער האָט דאָ אָפּגעטאָן, האָט ער צו זיך געטראַכט: ווי אַזוי וועט ער זיך אַרויסדרייען פון דער צרה? איז אים איינגעפאַלן, אַז ער וועט דערווייל זיך אַליין אַוועקזעצן אויף די אייער, כדי די הינדעלעך זאָלן כאָטש געראַטעוועט ווערן. אָבער

אַזוי גיך ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, איז פון די אייער געוואָרן אַ פלעצל.

וואַרדיעלאָ איז געוואָרן פאַרצווייפלט. אויס פאַרצווייפלונג האָט ער זיך אַזש געוואָלט שלאָגן מיטן קאָפּ אין וואַנט.

פלוצים איז ער געוואָרן הונגעריק, און דער הונגער האָט אים געמאַכט פאַרגעסן זיינע צרות. ער האָט גענומען די הון, זי אויפגע־שטאָכן אויף אַ שפּיז, געמאַכט אַ גרויס פייער, און זיך אַוועקגעזעצט אָפּבראָטן די הון. דערנאָך האָט ער אויסגעשפּרייט אויף דער ערד אַ ריין טישטעך, גענומען אַ קרוג און געגאַנגען אין קעלער אָנצאַפּן אַביסל ווייַן צום מאָלצייט.

צאַפּנדיק דעם ווייַן, האָט ער מיט אַמאָל דערהערט אַ רעש און אַ קוויטשעריי אין שטוב. ווען ער איז אַרויפגעלאָפן, האָט ער געזען ווי די קאַץ יאָגט זיך אַרום מיט דער געבראָטענער הון אין מויל, און אַ צווייטע קאַץ יאָגט איר נאָך און וויל די הון בייַ איר אַרויסרייסן.



וואַרדיעלאָ האָט זיך אַ לאָז־געטאָן נאָך דער קאַץ, אַרויסגעכאַפּט די הון און איז צוריק אַראָפּגעלאָפן אין קעלער.

ער קומט אַראָפּ אין קעלער, ווערט אים פינצטער אין די אויגן. אין איילעניש האָט ער פאַרגעסן צו פאַרדרייען דעם צאַפּן פון פאַס, און דער גאַנצער וויין איז אויסגערונען.

שטייט ער אַזוי און קלערט: וואָס טוט מען? איז אים איינגע־פאַלן, ער וועט נעמען אַ זאַק מיט מעל און באַשיטן דעם נאַסן אָרט אין קעלער, כדי די מאַמע זאָל ניט אויסגעפינען וואָס דאָרט איז גע־שען. און אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

אַרויפקומענדיק פון קעלער, האָט וואַרדיעלאָ זיך אַוועקגעזעצט און נאָכגעקלערט פון די אַלע שפיצלעך, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן. מיט אַמאָל איז אים געוואָרן זייער אומעטיק אויפן האַרצן, אַזוי אומעטיק, אַז ער האָט אַזש געוואָלט שטאַרבן. איז ער צוגעגאַנגען צו דער פּאָ־ליצע, אַראָפּגעכאַפּט דאָס קריגל און זיך גוט אָנגעגעסן מיט די פאַר־סמטע זאַכן, וואָס זיינען דאָרט געלעגן. ווען ער האָט אויסגעליידיקט דאָס קריגל, האָט ער זיך פאַרמאַכט אין אויוון, און געוואַרט אויפן טויט.

ג

דערווייל איז די מאַמע צוריקגעקומען פון מאַרק. זי קלאַפּט אין טיר און קיינער ענטפערט ניט. זי קלאַפּט נאָך אַמאָל, מען ענטפערט ניט. האָט זי אַליין געעפנט די טיר, און אויסגערופן מיט שרעק:

— וואַרדיעלאָ, זון מיינער, וואו ביסטו?

עס קומט ניט קיין ענטפער.

שרייט זי ווידער:

— וואַרדיעלאָ! וואַרדיעלאָ! ביסט טויב, צי דו מאַכסט זיך טויב? וואו האָסטו זיך באַהאַלטן?

ענדלעך האָט וואַרדיעלאָ זיך אָפּגערופן:

— איך בין דאָ, מאַמע! אין אויוון!

— ווי קומסטו אין אויוון? — האָט די מאַמע אים געפרעגט מיט פאַרוואונדערונג.

— איך בין פאַרסמט — ענטפערט איר וואַרדיעלאָ.

— אַ וויי־טיק איז מיר! — שרייט אויס די מאַמע. — ווי אַזוי איז דאָס געשען? ווער האָט דיך פאַרסמט?

וואַרדיעלאָ איז אַרויסגעקראָכן פון אויוון און האָט דערציילט דער מאַמען די אַלע שיינע זאַכן, וואָס ער האָט אָפּגעטאָן.

ווען די מאַמע האָט געהערט וואָס איר זון האָט אָפּגעטאָן, האָט זי זיך געפילט זייער אומגליקלעך. אַ מאַמע איז דאָך אָבער פאָרט אַ מאַמע, האָט זי באַלד פאַרגעסן אָן איר ע אייגענע צרות און רחמנות געקראָגן אויף איר אומגליקלעכן זון. זי האָט אים געגעבן אַ פּאָר צו־קערקעס און אים געזאָגט, אַז אין קריגל איז ניט געווען קיין סם, נאָר גוטע, פרישע ניס. וואַרדיעלאָ האָט זיך באַרואיקט.

ד

אויף מאָרגן זאָגט די מאַמע צו וואַרדיעלאָן:

— נאַדיר מיין זון אַ שטיקל געוואַנט, און גיי פאַרקויף עס. אָבער געדענק: טאָמער טרעפסטו אַ מענטשן, וואָס רעדט אַ סך, זאָלסטו מיט אים ניט האַנדלען.

— איך פאַרשטיי גוט וואָס דו מיינסט — האָט וואַרדיעלאָ גע־

זאָגט, און זיך אַרויסגעלאָזט אין גאַס מיטן שטיקל געוואַנט. גייענדיק אויפן גאַס, האָט ער געהאַלטן אין איין שרייען:

— געוואַנט! געוואַנט!

איז צוגעגאַנגען אַ מאַן, און האָט אים געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ געוואַנט פאַרקויפסטו?

האָט וואַרדיעלאָ אים געענטפערט:

— דו ביסט ניט קיין קונה פאַר מיר. דו רעדסט צופיל.

איז צוגעקומען אַ צווייטער מאַן, און געפרעגט:

— וויפיל ווילסטו פאַר דעם שטיקל געוואַנט?

— דו ביסט אַ פלאַפלער — זאָגט צו אים וואַרדיעלאָ. — איך וויל מיט דיר ניט האַנדלען.

ענדלעך איז וואַרדיעלאָ צוגעקומען צו אַ הויז. אין מיטן הויף איז געשטאַנען אַ גרויסע גיבסענע סטאַטוע. זייענדיק מיד פון אַרומגיין איבער די גאַסן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק, פונקט אַקעגן דער סטאַטוע. וואַרדיעלאָ האָט זיך געוואונדערט, וואָס ער זעט קיי־נעם ניט אַריינגיין אָדער אַרויסגיין פון יענעם הויז. גיט ער זיך אַ ווענד צו דער סטאַטוע:

— זאָג מיר, חבר: איז טאַקע קיינער ניט פאַראַן אין דעם הויז?

וואַרדיעלאָ האָט געוואַרט אויף אַן ענטפער, אָבער די סטאַטוע האָט געשוויגן. קלערט וואַרדיעלאָ: אָט איז ענדלעך איינער, וואָס רעדט ניט קיין סך! און ער זאָגט צו דער סטאַטוע:

— מיט דיר וועל איך האַנדלען. נאַ, נעם דאָס שטיקל געוואַנט און באַטראַכט עס. אַז ס'וועט דיר געפעלן, קאָנסטו מיר געבן וויפל דו אַליין וועסט מיינען אַז ס'איז ווערט. מאָרגן וועל איך קומען נאָכן געלט.

ה

וואַרדיעלאַ האָט איבערגעלאָזט דאָס שטיקל געוואַנט אויף דער באַנק. אַ ווײַלע שפּעטער איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ ייִנגל, און זעענדיק אַזאַ פֿײַן שטיקל געוואַנט, האָט ער עס צוגענומען.

ווען וואַרדיעלאַ איז אַהיימגעקומען אָן דעם שטיקל געוואַנט, און דערציילט זײַן מאַמען וואָס ער האָט געטאָן, האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, און געזאָגט:

— זון מײַנער, ווען וועסטו שוין ווערן אַ לייט? זע נאַר וואָס דו האָסט אָפּגעטאָן.

— מאַמע, זײַ ניט אין כעס — האָט וואַרדיעלאַ געענטפערט. — ס'איז ניט אַזוי שלעכט ווי דו מיינסט. דו ווילסט דאָך ניט פאַרן שטיקל געוואַנט מער ווי גאָלדענע רענדלעך? מעגסט זיך טאָקע טראַכטן, אַז דײַן זון איז אַ נאַר, אָבער קיין נאַר בין איך ניט. וואַרט ביז מאָרגן און דו וועסט זען ווי קלוג דײַן זון איז.

אויף מאָרגן איז וואַרדיעלאַ צוריק אַוועק צו דער סטאַטוע, און האָט צו איר אַזוי געזאָגט:

— גוט מאָרגן, חבר! צאָל מיר אָפּ דעם חוב, וואָס דו ביסט מיר שולדיק.

זעענדיק, אַז די סטאַטוע ענטפערט ניט, האָט ער אויפגעהויבן אַ שטיין און אים אַ וואָרף געטאָן גלײַך אין דער ברוסט פון דער סטאַטוע. די ברוסט פון דער סטאַטוע איז געלעכערט געוואָרן, און ווען וואַרדיעלאַ האָט אַרײַנגעקוקט אין דעם לאָך, האָט ער דאָרט דערזען אַ פולן טאָפּ מיט גאָלדענע רענדלעך. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם אוצר און איז אַהיימגעלאָפן.

— מאַמע! מאַמע! זע־נאַר וואָס איך האָב דיר געבראַכט!

די מאַמע האָט געוואוסט, אַז וואַרדיעלאָ קאָן קיין סוד ניט האַלטן, האָט זי אים אָנגעזאָגט מיטן האַרבן וואָרט, ער זאָל קיינעם וועגן די גאָלדענע רענדלעך ניט אויסזאָגן. דערנאָך האָט זי אים אַרויסגעשיקט אין דרויסן, ער זאָל אָפּוואַרטן דעם מאַן, וואָס פאַרקויפט מילך און קעז. אַזוי ווי וואַרדיעלאָ איז געווען אַ גרויסער פרעסער, האָט ער זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שוועל פון טיר און געוואַרט אויף דעם מאַן, וואָס פאַרקויפט מילך און קעז.

ו

עטלעכע טעג שפּעטער האָט געטראָפן אַזאַ געשיכטע:

צוויי מענער פון יענער שטאָט האָבן זיך צעקריגט צוליב אַ גאָלדן רענדל וואָס זיי האָבן געפונען אויפן גאַס, און זיי זיינען אַוועק צום ריכטער זיך משפּטן. וואַרדיעלאָ איז גראָד אויך געווען ביי יענעם משפּט. ווען ער האָט געהערט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, האָט ער זיך אָפּגערופן צו די צוויי מענער:

— איר זענט אַזעלכע נאַראָנים! צוליב אַזאַ קלייניקייט ווי אַ גאָלדן רענדל דאַרף מען זיך קריגן? ביי מיר האָט דאָס אַ קנאַפּן ווערט. איך האָב אַ פולן טאָפּ מיט גאָלדענע רענדלעך.

ווען דער ריכטער האָט דאָס דערהערט, האָט ער געעפנט מויל און אויערן, און געפרעגט וואַרדיעלאָן:

— ווי קומט צו דיר אַ פולער טאָפּ מיט גאָלדענע רענדלעך?

און וואַרדיעלאָ האָט אים געענטפערט:

— איך האָב זיי געפונען אין דער ברוסט פון אַ שטומען מענטשן.

דער ריכטער האָט זיינע אויערן ניט געוואָלט גלויבן. אָבער באַלד האָט ער זיך באַרעכנט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַ נאַר. האָט ער זיך אָפּגעקערט פון וואַרדיעלאָן, און איז ווייטער אָנגעגאַנגען מיט דעם משפּט.

***

און אָט אַזוי — פאַרענדיקט די קודלעוואַטע זעזא — איז וואַרדיעלאָס מאַמע פאַרבליבן מיט אַ גאַנצן טאָפּ גאָלדענע רענדלעך.

דער פּרינץ און זיין שיין ווייב האָבן שטאַרק געלאַכט פון וואַרדיעלאָס טפּשות און פון זיין נאַרישן מזל. דערנאָך האָט דער פּרינץ אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די קרום־פוסיקע צעקא זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשה.

די פלוי

א

אזוי די קרומפוסיקע צעקאַ האָט דערציילט:

איינמאָל האָט דער קעניג פון הויכבאַרג געקראָגן אַ ביס פון אַ פלוי. איז ער געוואָרן זייער אין כעס, און ער האָט געוואָלט צע־קוועטשן די פלוי צווישן די נעגל פון זיינע פינגער. ער האָט אָבער אַ קוק געטאָן אויף דער פלוי און געזען ווי שיין זי איז, האָט ער באַ־שלאָסן זי אריינצולייגן אין אַ פלאַש און זי שפייזן מיטן בלוט פון זיין האַנט.

דער קעניג האָט אַזוי געטאָן, און די פלוי איז וואָס אַ טאָג אַלץ גרעסער געוואָרן. אין זיבן חדשים אַרום איז די פלוי שוין געווען גרע־סער פון אַ שעפּס און די פלאַש איז פאַר איר געווען צו קליין.

האָט דער קעניג באַפוילן, מ׳זאָל די פלוי שעכטן און אויסטריקע־נען איר פעל. דערנאָך האָט ער געלאָזט וויסן, אַז ווער ס׳וועט טרעפן פון וואָס פאַר אַ חיה די פעל איז אָפּגעשונדן געוואָרן, דער וועט קריגן זיין טאָכטער פאַר אַ ווייב.

פון אַלע עקן וועלט האָבן זיך מענטשן אַ לאָז־געטאָן צום קיניגס פּאַלאַץ, און איטלעכער האָט געפּרואווט זיין מזל. איינער האָט גע־

זאָגט, אַז די פעל קומט פון אַ מאַלפּע, אַ צווייטער — אַז זי קומט פון אַ ווילדער קאַץ, און אַ דריטער — אַז די פעל קומט פון אַ קראָקאָדיל. הכלל, איטלעכער האָט געפּרוּאווט טרעפן, און קיינער האָט ניט גע־טראָפן.

פלוצים האָט צום קעניג זיך געמאָלדן אַ מענטשנפרעסער. גע־ווען איז ער אַזוי מיאוס, אַז מען האָט ניט געקאָנט קוקן אויף אים. אָבער ווי נאָר ער האָט גענומען די פעל אין האַנט און זי אַ שמעק געטאָן, האָט ער גלייך געזאָגט:

— די פעל קומט פון אַ פלוי.

דער קעניג האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. ער האָט געמוזט האַלטן וואָרט, און ער האָט געהייסן אַריינרופן זיין טאָכטער מאַר־דיעלאַ.

מארדיעלא האָט געהאַט אַ פּנים, איז דאָס געווען בלוט און מילך. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז ס'האָט זיך גאָרניט געגלוסט אַראָפּצונעמען די אויגן פון איר. דער קעניג האָט צו איר געזאָגט:

— טאָכטער, דו ווייסט דאָך אַז איך האָב געגעבן מיין וואָרט, און איך מוז מיין וואָרט האַלטן, כאָטש דאָס האַרץ טוט מיר ווי פאַר דיר. ווער זאָל זיך געווען ריכטן, אַז דער גורל וועט פאַלן אויף אַ מענטשנ־פרעסער? מן־הסתמא איז דיר אַזוי באַשערט. אָבער דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז דו וועסט סוף־כל־סוף זיין גליקלעך.

מארדיעלאן איז געוואָרן שווער און ביטער אויפן האַרצן. זי האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, און געזאָגט:

— מיט וואָס האָב איך זיך פאַרזינדיקט? פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף? פאַרוואָס קומט מיר צו לעבן מיט אַזאַ פאַרזעעניש? בעסער וואָלט איך אינגאַנצן ניט געבוירן געוואָרן!

מאַרדיעלא האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער פּאָטער האָט איר איבערגעשלאָגן:

— טאָכטער, אַ מענטשן קאָן מען ניט אורטיילן לויט זיין אויס־זען, און אַ פּאָטער דאַרף מען ניט לערנען וואָס צו טאָן. נעם אָן די האַנט פון דיין באַשערטן און גיי מיט אים אַהיים.

מאַרדיעלא האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט. מיט אַ פּנים פון איינעם וואָס גייט צו דער תליה, און מיט אַ האַרץ פון איינעם וואָס דאַרף לייגן זיין קאָפּ צווישן אַ קלאָץ און אַ האַק, האָט זי אָנגענומען די האַנט פון דעם מענטשנפרעסער. ער האָט זי אַ שלעפּ געטאָן צו זיך און איז מיט איר אַוועק אין וואַלד אַריין.

ב

אין וואַלד האָט מאַרדיעלא קיין אַנדער זאַך ווי געדיכטע בוי־מער און ווילדע חיות ניט געזען. דאָרט אין יענער ווילדערניש, איז געשטאַנען דעם מענטשנפרעסערס שטיבל. די ווענט זיינען געווען באַ־האַנגען מיט מענטשלעכע ביינער פון די קרבנות, וואָס דער ווילדער מענטש האָט אויפגעפרעסן. קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן ווי די אָרעמע מאַרדיעלא האָט זיך געפילט.

אָבער דאָס אַלץ איז געווען גאָרנישט אַנטקעגן דעם, וואָס עס איז שפּעטער פאָרגעקומען. דער מענטשנפרעסער איז אַוועק אויף יאַגד און האָט זיך אומגעקערט צוריק מיט צעריסענע שטיקער פלייש פון די מענטשן, וואָס ער האָט פאַרצוקט.

— זע, מיין ווייב, וואָס איך האָב דיר געבראַכט — האָט ער גע־זאָגט. — דו קאָנסט זיך ניט באַקלאָגן, אַז איך גיב ניט אכטונג אויף

דיר. אָט דאָ האָסטו געגוג שפּייז. נעם און עס, און האָב מיך ליב.

מארדיעלא איז אַזש קראַנק געוואָרן קוקנדיק אויף די שטיקער מענטשלעך פלייש. ווען דער מענטשנפרעסער האָט דאָס באַמערקט, האָט ער צו איר געזאָגט:

— וואָס־זשע, דיר געפעלט ניט וואָס איך האָב דיר געבראַכט? אויב אַזוי, טאָ האָב געדולד און וואַרט ביז מאָרגן. מאָרגן בין איך איינ־געלאַדן צו אַ יאַגד פון ווילדע חזירים און איך וועל דיר ברענגען עט־לעכע פון זיי. מיר וועלן האָבן אַן אמתע סעודה, אינאיינעם מיט אונדזערע קרובים, און דערביי וועלן מיר שוין פראַווען אונדזער חתונה.

דערנאָך איז ער אַוועק אין וואַלד אַריין.

ג

מארדיעלא האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער און גע־וויינט מיט ביטערע טרערן. פּלוצים איז פאַרבייגעגאַנגען אַן אַלטע בעטלערקע און געבעטן עפּעס עסן.

— ליבע פרוי — האָט מארדיעלא צו איר געזאָגט. — איך בין אריינגעפאַלן צו אַ ווילדן מענטשן, וואָס גיט מיר ניט קיין אַנדער זאַך צו עסן, ווי נאָר פלייש פון געהרגטע מענטשן. אוי, ווי ביטער מיר איז! און דערצו בין איך נאָך די טאָכטער פון אַ קעניג.

ביי די ווערטער האָט מארדיעלא זיך נאָך שטאַרקער צעוויינט. ווען די בעטלערקע האָט דאָס דערהערט, איז איר האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט רחמנות צו מארדיעלאַן, און זי האָט צו איר געזאָגט:

— באַרואיק זיך, מײַן קינד, און פיר ניט איבער דײַן שיינקייט מיט געוויין. איך וועל דיר העלפן. אָבער הער זיך צו וואָס איך זאָג דיר. איך האָב זיבן זין, זיינען זיי הויך ווי דעמבעס, און שטאַרק ווי ריזן. זיי הייסן : מאסע, נאַרדאָ, קאָלאָ, מיקאָ, פעטרולאָ, אַסקאַדעאָ און צעקאָנע. אַלע זיינען זיי גערעטענע. ווען מאַסע לייגט־צו זיין אויער צו דער ערד, קאָן ער הערן וואָס עס טוט זיך דרייסיק מייל ווייט פון אים. ווען נארדאָ גיט אַ שפיי, ווערט אַ ים פון זייפנבלאָזן. ווען קאָלא גיט אַ וואָרף אַ שטיקל אייזן, ווערט אַ פעלד פון שאַרפע מעסערס. ווען מיקאָ וואַרפט אַראָפּ אַ שטעקעלע, וואַקסט גלייך אויס אַ גרויסער און געדיכטער וואַלד. ווען פעטרולאָ גיט אַ שפריץ אַ טראָפּן וואַסער, הויבט באַלד אָן צו פליסן אַ טייך. ווען אסקאַדעאָ גיט אַ וואָרף אַ שטיינדל, שפרינגט גלייך אַרויס אַ פעסטונג פון דער ערד. און ווען צעקאָנע צילט מיט זיין ביקס, קאָן ער טרעפן אין אַן אויג פון אַ הון אַ מייל פון ווייטן. אַלע מיינע זין זיינען גוטע און פריינטלעכע מענטשן. זיי וועלן זיכער האָבן מיטלייד מיט דיר און דיך באַפרייען פונעם מענטשנפרעסער. געוויס ביסטו ניט קיין פּאָר מיט אים.

— טאָ לאָמיר גלייך אַנטלויפן ! — האָט מארדיעלא זיך אַ כאַפּ געטאָן. — איצט איז די בעסטע צייט, מיין מאַן איז אַוועק אויף יאַגד און ער וועט זיך ניט אומקערן ביז מאָרגן בייטאָג.

— ניין, היינט קאָן דאָס ניט געשען — האָט די בעטלערקע געזאָגט. — איך וואוין זייער ווייט פון דאַנען. אָבער איך זאָג דיר צו, אַז מאָרגן גאַנץ פרי קום איך אַהער מיט מיינע זין און מיר וועלן דיך באַפרייען פון דיינע צרות.

די אַלטע בעטלערקע איז אַוועק, און מארדיעלא האָט זיך געלייגט שלאָפן מיט אַ גרינג האַרץ.

ד

אויף מאָרגן, ווען די פֿייגל האָבן נאָרוואָס אָנגעהויבן צו זינגען, איז געקומען די אַלטע בעטלערקע, צוזאַמען מיט אירע זיבן זין. זיי האָבן מאַרדיעלאָן אַריינגענומען צווישן זיך און זיך געלאָזט אין שטאָט אַריין. אויפֿן וועג, האָט מאַסע צוגעלייגט זיין אויער צו דער ערד, און אויסגערופֿן:

— הערט! דער מענטשנפֿרעסער איז אהיימגעקומען, און ווען ער האָט ניט געטראָפֿן מאַרדיעלאָן, האָט ער זיך געלאָזט נאָך אונדז מיטן קאַפּעלוש אונטערן אָרעם.

ווען נאַרדאַ האָט דאָס דערהערט, האָט ער אַ שפּיי געטאָן אויף דער ערד, און באַלד איז געוואָרן אַ ים פֿון זייפֿנבלאָזן. אַז דער מענטשנפֿרעסער האָט דערזען דעם ים פֿון זייפֿנבלאָזן, האָט ער זיך אומגעקערט אהיים, געבראַכט אַ זאַק מיט קלייען, אויסגעטריקנט אַלע זייפֿנבלאָזן און זיך געלאָזט גיין ווייטער.

מאַסע האָט ווידער צוגעלייגט זיין אויער צו דער ערד, און אויסגערופֿן:

— ער האָט אויסגעטריקנט דעם ים, און ער קומט!

האָט קאַלאַ אַ וואָרף געטאָן אַ שטיקל אייזן אויף דער ערד, און באַלד איז געוואָרן אַ פֿעלד מיט שאַרפֿע מעסערס. דער מענטשנפֿרעסער האָט זיך ניט דערשראָקן. ער איז אהיימגעגאַנגען, זיך אָנגעטאָן אין אייזן פֿון קאָפּ ביז די פֿיס, און אַזוי איז ער דורכגעגאַנגען דאָס פֿעלד מיט שאַרפֿע מעסערס.



מאסע האָט נאָך אַמאָל צוגעלייגט זיין אויער צו דער ערד, און אויסגערופן:

— זייט גרייט מיט אייער געווער! דער מענטשנפרעסער קומט!

מיקאָ איז שוין געווען גרייט מיט זיין שטעקעלע, און אין איין אויגנבליק איז אויסגעוואַקסן אַ גרויסער און געדיכטער וואַלד צווישן זיי און דעם מענטשנפרעסער. ווען דער מענטשנפרעסער האָט דערזען דעם וואַלד, האָט ער אַרויסגעצויגן אַ לאַנגן מעסער פון זיין גאַרטל און גענומען שניידן די בוימער ווי מ׳שניידט זאַנגען. דער מענטשנפרעסער איז געווען אַזאַ גבור, אַז מיט עטלעכע שניט האָט ער אָפּגערייניקט דעם גאַנצן וואַלד און פריי געמאַכט דעם וועג פאַר זיך.

מאסע, וועלכער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן זיין אויער צו דער ערד, האָט ווידער אויסגערופן:

— גיכער! לאָמיר זיך אונטעראַיילן! דער מענטשנפרעסער קומט אויף אונדז מיט אַ געפערלעכער שנעלקייט!

— פעטרוליאָ, האָט לאַנג ניט געקלערט, אַ זופּ־געטאָן אַביסל וואַסער פון אַ ברונעם און אַ שפּריץ־געטאָן עטלעכע טראָפּן אויף דער ערד. אין דער זעלבער רגע האָט זיך באַוויזן אַ גרויסער טייך. אַז דער מענטשנפרעסער האָט דערזען דעם טייך, האָט ער זיך אויסגעטאָן נאַקעט, אַוועקגעלייגט זיינע קליידער אויפן קאָפּ, און אַזוי איז ער אַריבערגעשוואומען דעם טייך.

אבער מאסע האָט די גאַנצע צייט זיין אויער פון דער ערד ניט צו־גענומען. האָט ער דערהערט, אַז דער מענטשנפרעסער איז ווידער אויפן וועג, און ער האָט אויסגערופן:

— ער גייט! לאָמיר קיין צייט ניט פאַרלירן! מיר מוזן עפּעס טאָן, אַניט זיינען מיר פאַרלוירענע!

— האָב ניט מורא — האָט אסקאדעאָ זיך אָפּגערופן. — איך וועל אים שוין באַלד אָפּשטעלן.

אסקאדעאָ האָט אַ וואָרף געטאָן אַ שטיינדל אויף דער ערד, און באַלד איז פון יענעם אָרט אַרויסגעשפּרונגען אַ גרויסע פעסטונג. אַלע זיינען אַריין אין דער פעסטונג און האָבן פאַרשלאָסן די טיר.

ווען דער מענטשנפרעסער איז צוגעקומען און דערזען די פעס־טונג, איז ער אהיימגעלאָפן און זיך באַלד אומגעקערט מיט אַ הויכן לייטער.

— איצט איז שוין געקומען אונדזער סוף! — האָט מאסע אויס־גערופן מיט שרעק. — דער איינציקער, וואָס קאָן נאָך אפשר העלפן, איז צעקאָנע.

— ניט געשראָקן זיך! — האָט צעקאָנע געזאָגט. — פאַרלאָזט זיך אויף מיר!

ווען דער מענטשנפרעסער האָט גענומען אַרויפקריכן אויפן לייטער, האָט צעקאָנע אָנגעשטעלט אויף אים זיין ביקס און אים געשאָסן גלייך אין אויג אַריין. דער מענטשנפרעסער האָט זיך אַראָפּ־געקייקלט פונעם לייטער ווי אַ שווערער בער. זעענדיק אַז דער מענטשנפרעסער ליגט אויף דער ערד, איז צעקאָנע אַרויס פונעם שלאָס און אים אָפּגעהאַקט דעם קאָפּ. דערנאָך האָט ער דעם אָפּגע־האַקטן קאָפּ אויפגעשטאָכן אויף אַ לאַנגן שפּיז, און אַזוי זיינען זיי אַלע אַוועק צום קעניג.

דער קעניג איז געווען זייער גליקלעך וואָס זיין טאָכטער איז ענדלעך באַפרייט געוואָרן פון דעם העסלעכן מענטשנפרעסער. עט־לעכע טעג שפּעטער האָט ער געבראַכט פאַר זיין טאָכטער אַ שיינעם חתן, און די בעטלערקע מיט אירע זיבן זין האָט ער באַלוינט מיט אַ סך געלט און שיינע מתנות.

***

אַלע זיינען געזעסן ווי צוגעשמידטע און געהערט די וואונדער־מעשה פון דער פלוי. איטלעכער האָט געזאָגט, אַז דער קעניג פון הויכ־

באַרג איז געווען אַ נאַר וואָס ער האָט געצוואונגען זיין טאָכטער חתונה צו האָבן מיט דעם מענטשנפרעסער.

ווען אַלע זיינען שטיל געוואָרן, האָט דער פרינץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די גוידערדיקע מענעקאָ זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשה.

די צוויי חברים

א

און די גוידערדיקע מענעקא האָט דערציילט:

אַמאָל איז געווען אַ קעניג, וואָס האָט זייער שטאַרק געוואָלט האָבן קינדער. זייענדיק אַ פרומער, האָט ער געגלויבט, אַז ווען ער וועט תפילה טאָן צו גאָט, וועט אים גאָט העלפן און צושיקן אַ קינד. און כדי זיין תפילה זאָל דערהערט ווערן, האָט ער געטיילט נדבות אָרעמעלייט און וואַנדערער. אָבער קיין קינד האָט ער אַלץ ניט גע־קראָגן. איז ער געוואָרן שטאַרק פאַרביטערט און האָט אויפגעהערט טיילן נדבות. ער האָט אָנגעזאָגט זיינע דינער, אַז טאָמער וועט עמיצער קומען נאָך אַ נדבה, אָדער א טובה, זאָל מען אים אַוועקטרייבן.

האָט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ מאָנאַך איז פאַרבייגעגאַנגען דעם פאַלאַץ. אַזוי ווי דער מאָנאַך האָט פון גאָרנישט ניט געוואוסט, איז ער אַוועק צום קעניג בעטן נאַכטלעגער. דער קעניג האָט אים בייז אָנגעקוקט, און געזאָגט:

— איך האָב שוין גענוג טובות געטאָן מענטשן! מער קיין טובות טו איך נישט!

דער מאָנאַך האָט געפרעגט דעם קעניג, פאַרוואָס ער איז מיט־אַמאָל געוואָרן אַזאַ שלעכטער.

— איך וועל דיר זאָגן פאַרוואָס — האָט דער קעניג אים געענט־פערט. — איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט האָבן קינדער. האָב איך געמיינט, אַז ווען איך וועל זיין גוט צו מענטשן, וועט מיין וואונטש מקוים ווערן. איך האָב געטיילט נדבות צו יעדן אָרעמאַן און יעדן וואַנדערער, אָבער קיין קינדער האָב איך אַלץ נישט.

— אויב דאָס איז אַלץ וואָס דו ווילסט — האָט דער מאָנאַך גע־זאָגט — מעגסטו זיין רואיק. איך זאָג דיר צו, אַז גאָר אינגיכן וועסטו האָבן אַ קינד. טאָמער וועט נישט זיין ווי איך זאָג, מעגסטו מיר אָפּ־שניידן די אויערן.

— גוט ! — האָט דער קעניג איינגעוויליקט. — און אויב עס וועט ביי מיר געבוירן ווערן אַ קינד, קריגסטו אַ העלפט פון מיין קעניג־רייך.

— איצט, הער, קעניג, מיין עצה — האָט דער מאָנאַך געזאָגט.
— קריג דאָס האַרץ פון אַ ים־דראַגאָן, און באַפעל אַז אַ יונג מיידל זאָל עס אָפּקאָכן. אַז די קעניגין וועט פאַרזוכן דאָס האַרץ פון דעם ים־דראַגאָן, וועט זי געבוירן אַ קינד.

דער קעניג האָט אַרויסגעשיקט הונדערט פישערלייט מיט הונ־דערט נעצן. די פישערלייט זיינען אַוועק צום ים, אויסגעשפרייט זייערע נעצן און געשטאַנען אַזוי לאַנג אין וואַסער, ביז זיי האָבן גע־כאַפּט אַ ים־דראַגאָן. זיי האָבן אַרויסגענומען זיין האַרץ און עס גע־בראַכט צום קעניג. דער קעניג האָט אַריינגערופן אַ יונג מיידל און איר געהייסן עס אָפּקאָכן. די קעניגין האָט פאַרזוכט דאָס האַרץ פון דעם ים־דראַגאָן, און אין אַ צייט אַרום האָט זי געבוירן אַ זון.

אָבער אָט איז געשען אַ מאָדנע זאַך : פונקט דעם זעלבן טאָג האָט דאָס יונגע מיידל אויך געבוירן אַ זון. די צוויי קינדער זיינען געווען

אַזוי ענלעך איינער צום אַנדערן, אַז ס'איז שווער געווען צו וויסן ווער איז ווער. די קינדער האָבן זיך געהאָדעוועט אינאיינעם, און זיי האָבן זיך אַזוי ליב געקראָגן, אַז איינער אָן דעם אַנדערן האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן.

ווען די קעניגין האָט באַמערקט ווי שטאַרק איר זון האָט ליב זיין חבר, איז זי געוואָרן זייער אייפערזיכטיק און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן.

ב

איינמאָל האָט דער בן־מלך באַשלאָסן צו גיין אויף יאַגד צוזאַמען מיט זיין חבר. ער האָט געמאַכט אַ פייער אין קאַמין און זיך געזעצט שמעלצן בליי און מאַכן קוילן. דערווייל האָט אים עפּעס אויסגעפעלט, איז ער אַרויסגעגאַנגען עס קריגן.

ווען די קעניגין איז אריינגעקומען אַ קוק טאָן וואָס איר זון מאַכט, האָט זי, אַנשטאָט איר זון, געטראָפן זיין חבר פאנזא. זי איז געוואָרן אַזוי ווילד פון אייפערזוכט, אַז זי האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס צעשמאָלצענע בליי, עס אַ גאָס געטאָן אויף זיין פנים און אים איבערגעלאָזט א מיאוסע וואונד אויף זיין ברעם. זי האָט אים געוואָלט אומברענגען, אָבער פלוצים איז אַריינגעקומען איר זון. די קעניגין האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי קיין זאַך וואָלט ניט געשען, און איז אַרויסגעגאַנגען.

פאנזא האָט אַראָפּגעצויגן דאָס היטל איבער די אויגן און גאָר־

נישט געזאָגט. ווען דער בן־מלך איז פאַרטיק געוואָרן מיט די קוילן, האָט פאנזא אַ זאָג געטאן:

— מיין ליבער חבר, מיר מוזן זיך שיידן.

— פאַרוואָס? — האָט דער בן־מלך געפרעגט מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

— בעסער פרעג נישט — האָט פאנזא געזאָגט. — גלויב מיר, אַז מיר איז נישט גרינג צו שיידן זיך מיט דיר. אָבער מסתמא איז אונדז אַזוי באַשערט. טאָ זיי מיר געזונט, און פאַרגעס מיך נישט.

די צוויי חברים האָבן זיך אַרומגענומען און זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן.

ג

פאנזא איז אַריין צו זיך אין צימער און האָט זיך אָנגעטאָן אַן אייזערנעם פאַנצער און אַ שווערד. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען אַ פערד פון שטאַל, און ווען ער האָט געהאַלטן ביים אויפזעצן זיך אויפן פערד, איז זיין חבר אַרויסגעקומען, און געזאָגט:

— ליבער חבר, לאָז מיר כאָטש איבער עפעס אַן אָנדענק.

פאנזא האָט אריינגעשטאָכן זיין שווערד אין דער ערד און אין דעם זעלבן אויגנבליק איז אויף יענעם אָרט אויסגעוואַקסן אַ פאָנטאָן.

— דער פאָנטאַן איז דער בעסטער אָנדענק, וואָס איך קאָן דיר לאָזן — האָט פאנזא געזאָגט. — לויט דעם וואַסער פונעם פאָנטאַן וועסטו שטענדיק וויסן וואָס מיט מיר טוט זיך. אויב דאָס וואַסער

וועט פּליסן קלאָר, וועסטו וויסן אַז מיר גייט גוט. אַז דאָס וואַסער וועט פּליסן מוטנע, וועסטו וויסן אַז מיר גייט שלעכט. און טאָמער וועט דער פאָנטאַן אויסגעטריקנט ווערן, וועט דאָס זיין אַ סימן אַז איך בין געשטאָרבן.

זיי האָבן זיך ווידער אַרומגענומען מיט טרערן אין די אויגן, און פאנזא איז אַוועק.

ד

טעג און וואָכן נאָכאַנאַנד האט פאנזא זיך אַרומגעשלעפּט אויף זיין פערד. אויפן וועג האָט ער באַגעגנט אַ סך גנבים און גזלנים, אָבער ער האָט זיך אַלעמאָל פון זיי אַרויסגעדרייט. ענדלעך איז ער אָנגעקומען אין דער שטאָט טרעליס. אין שטאָט איז גראָד דאַן פאַרגעקומען אַ וועט־געשלעג, און עס איז געווען אָפּגעמאכט, אַז דער וואָס וועט אַרויסקומען דער זיגער, וועט קריגן דעם קעניגס טאָכטער פאַר אַ ווייב.

פאנזא האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן דעם געשלעג. ער האָט אַלעמען באַזיגט, און געקראָגן דעם קעניגס טאָכטער פאַר אַ ווייב. אויף מאָרגן איז געפּראַוועט געוואָרן די חתונה מיט אַ גרויסער און אַ פייערלעכער סעודה.

ה

איינמאָל האָט פאנזא באַשלאָסן צו גיין אויף יאַגד. ווען דער קעניג האָט דאָס דערהערט, האָט ער אים געוואָרנט ער זאָל נישט גיין.

ווייל אין וואַלד געפינט זיך אַ ווילדער מענטש, וואָס יעדן טאָג בייט ער זיין געשטאַלט. אַמאָל איז ער אַ וואָלף, אַמאָל אַ לייב, אַמאָל אַן אייזל, און אַמאָל אַ הירש. דער ווילדער מענטש האָט פאַרשידענע מיטלען ווי אַריינצונאַרן זיינע קרבנות און זיי אויפעסן.

אָבער פאַנזאַ האָט נישט געוואוסט פון אַזאַ זאַך ווי מורא. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון דעם קעניגס וואָרנונג און זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין.

ווען דער ווילדער מענטש האָט אים דערזען, האָט ער זיך תיכף געביטן אויף אַ הירש. פאַנזאַ האָט זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דעם הירש, אים נאָכגעיאָגט אַ שטיק צייט, ביז דער הירש האָט אים פאַרשלעפּט אין דער טיפעניש פון וואַלד.

און מיטאַמאָל האָט אויסגעבראָכן אַ שניי־שטורעם. פאַנזאַ האָט זיך געוואָלט באַשיצן פון דעם שטורעם, האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין אַ נאָרע. דאָס איז גראַדע געווען די נאָרע, אין וועלכער דער ווילדער מענטש האָט געוואוינט. אויף דער ערד איז געלעגן אַ בינטל מיט צווייגן, האָט פאַנזאַ גענומען עטלעכע צווייגלעך, געמאכט אַ פייער און אָנגעהויבן זיך וואַרעמען.

פּלוצים האָט דער הירש זיך באַוויזן ביים אַריינגאַנג פון דער נאָ־רע.

— מיין ליבער פריינד — האָט דער הירש געזאָגט — מיר איז זייער קאַלט. — לאָז מיך אויך אַריינקומען זיך אָנוואַרעמען.

פאַנזאַ האָט רחמנות געהאַט אויפן הירש און אים געהייסן אַריינ־קומען.

— איך וואָלט אַריינגעקומען — האָט דער הירש געזאָגט — אָבער איך האָב מורא, אַז דו וועסט מיך טויטן.

— האָב נישט מורא — האָט אים פֿאַנזאַ באַרואיקט. — קום אַריין.

— אויב דו ווילסט איך זאָל אַריינקומען — האָט דער הירש געזאָגט — בינד צו דיינע הינט, זיי זאָלן מיך נישט בייסן; און בינד צו דיין פֿערד, עס זאָל מיך נישט בריקען.

פֿאַנזאַ האָט אים צוליב געטאָן, און ער האָט צוגעבונדן די הינט און דאָס פֿערד.

— איצט בין איך שוין האַלב זיכער — האָט דער הירש געזאָגט.

— נאָר אויב דו ווילסט, איך זאָל אינגאַנצן זיין זיכער, בינד צו דיין שווערד אויך.

פֿאַנזאַ האָט געפֿאָלגט דעם הירש, און צוגעבונדן זיין שווערד אויך. ווען דער ווילדער מענטש האָט געזען, אַז פֿאַנזאַ איז שוין אינגאַנצן אומבאַשיצט, האָט ער אָנגענומען זיין אמת געשטאַלט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פֿאַנזאַן ביי די הענט און פֿיס, אים אַריינגעוואָרפֿן אין אַ טיפֿן גרוב און אים פֿאַרשאָטן מיט שטיינער.

ו

פֿאַנזאַס חבר, דער בן־מלך, פֿלעגט יעדן אָוונט אַרויסגיין אַ קוק טאָן אויפֿן פֿאָנטאַן. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט, אַז דאָס וואַסער פֿון פֿאָנטאַן איז געוואָרן זייער מוטנע. פֿון דעם האָט ער פֿאַרשטאַנען, אַז עפּעס שלעכטס קומט פֿאָר מיט זיין חבר. נאָר איידער ער האָט צייט געהאַט אַ טראַכט צו טאָן, האָט דער פֿאָנטאַן גענומען אויסטריקענען. דאַן איז שוין דער בן־מלך געווען זיכער, אַז זיין חבר

איז אין אַ גרויסער סכנה. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף אַ פערד, מיטגענומען זיין ביקס און זיינע ווילדע הינט, און זיך אַוועקגעלאָזט זוכן זיין חבר. ער איז געפאָרן טעג און וואָכן נאָכאַנאַנד, ביז ער איז אָנגעקומען אין דער שטאָט טרעליס.

די גאַנצע שטאָט איז געווען אין טרויער. ווען דער בן־מלך האָט געפרעגט פאַרוואָס די שטאָט איז אין טרויער, האָט אים אן איינוואוי־נער געענטפערט, אַז דאָס טרויערט מען נאָך פאַנזאַן, דער בת־מלכה׳ס מאַן.

— וואָס איז מיט פאַנזאַן געשען? — האָט דער בן־מלך געפרעגט מיט שרעק.

— ער איז אַוועק אויף יאַגד און איז שוין מער ניט צוריקגעקו־מען — האָט דער איינוואוינער געזאָגט. — דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז דער ווילדער מענטש האָט אים אויפגעגעסן. דערפאַר טרויערן מיר.

ווען דער איינוואוינער האָט זיך גוט צוגעקוקט צום בן־מלך, האָט ער פריילעך אַ פאַטש געטאָן מיט די הענט און גענומען לויפן. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס איז פאַנזאַ, און ער איז געלאָפן אָנזאָגן דער בת־מלכה, אַז איר מאַן איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער. די בת־מלכה איז באַלד געקומען צולויפן, און ווען זי האָט דערזען דעם בן־מלך, איז זי אויך געווען זיכער, אַז דאָס איז פאַנזאַ. זי איז אים געפאַלן אויפן האַלז, און האָט אויסגערופן מיט גרויס פרייד:

— מיין מאַן! מיין האַרץ! וואו ביסטו געווען?

דער בן־מלך האָט געזען, אַז זי האָט אַ טעות, אָבער אין דער זעלבער צייט האָט ער פאַרשטאַנען, אַז זיין חבר איז ערגעץ אין געפאַר.

ז

דער בן־מלך האָט געגומען זיינע ווילדע הינט און זיך גע־לאָזט אין וואַלד אַריין.

אין וואַלד האָט מיט אים געטראָפן דאָס זעלבע וואָס מיט זיין חבר. דער ווילדער מענטש האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ הירש און אים פאַרשלעפט צו דער זעלבער נאָרע. ווען דער בן־מלך איז צוגעקומען צו דער נאָרע, האָט ער דערזען זיין חברס הינט, אויך זיין פערד און זיין שווערד. ער האָט באַלד פאַרשטאַנען וואָס מיט זיין חבר איז געשען.

דער הירש האָט דעם בן־מלך געבעטן צובינדן זיינע הינט, דערנאָך זיין פערד און זיין ביקס. אָבער דער בן־מלך האָט אים נישט געפאָלגט. ער האָט אַ לאָז געטאָן אויף אים זיינע ווילדע הינט, דערנאָך זיין פערד, און צום סוף איז דערשאָסן מיט זיין ביקס.

פלוצים האָט ער פון גרוב דערהערט זיין חברס שטים. ער האָט אויף גיך אַוועקגעשאַרט די שטיינער, און פונעם גרוב זיינען אַרויס־געקומען צוערשט זיין חבר, דערנאָך נאָך מענטשן, וואָס דער ווילדער מענטש האָט אָנגעגרייט צום אויפעסן.

די צוויי חברים האָבן זיך שטאַרק דערפרייט איינער מיטן אַנ־דערן. זיי האָבן זיך אָנגענומען פאַר די הענט און זיך געלאָזט גיין אהיים.

ווען די בת־מלכה האָט זיי דערזען, האָט זי נישט געוואוסט ווער פון זיי עס איז איר מאַן. האָט פאַנזאַ אַראָפּגענומען דאָס היטל פון קאָפּ און זיך געלאָזט דערקענען.

דער בן־מלך איז פֿאַרבליבן מיט זיין חבר אַ גאַנצן חודש צייט. ווען ער האָט זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַריין, האָט זיין חבר אים מיטגעגעבן אַ בריוו צו זיין מאַמען. אין דעם בריוו האָט ער צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז מער וועט ער אויף יאַגד נישט גיין.

***

מענעקאָס מעשה האָט שטאַרק אויסגענומען, און איטלעכער איז געווען צופרידן וואָס די בת־מלכה האָט צוריקגעקראָגן איר מאַן אַ לעבעדיקן. דערנאָך האָט דער פרינץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די לאַנג־נאָזיקע טאָלא זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשה.

פעטרישקע

א

אַון די לאַנג־נאַזיקע טאַלאַ האָט דערציילט:

אַמאָל איז געווען אַ פרוי, האָט זי געהייסן פּאַסקאַדאַזיאַ. אין שכנות מיט איר האָט געוואוינט אַן אַלטע מכשפה, וואָס האָט גע־האַט אַ גרויסן גאָרטן מיט אַלערליי גרינסן. איינמאָל איז פּאסקא־דאַזיא געשטאַנען ביי איר פענצטער און האָט באַוואונדערט די שיי־נע פעטרישקע, וואָס איז געוואקסן אין דער מכשפהס גאָרטן. מיט־אַמאָל האָט זיך איר שטאַרק פאַרגלוסט אַ שטיקל פעטרישקע. ס'האָט איר אַזוי גענומען נאָגן ביים האַרצן, אַז זי האָט שיר ניט געחלשט פון נאָגעניש. אָבער גראָד דאַן איז די מכשפה געווען אין גאָרטן, און פּאסקאַדאַזיא האָט גאָרנישט געקאָנט טאָן.

האָט זי אָפּגעוואַרט ביז די מכשפה איז אַוועק, דאַן איז זי אַרי־בערגעקראָכן דעם פלויט און האָט אָנגעריסן אַ בינטל פעטרישקע. פאַרנאַכט, ווען די מכשפה איז אַריין אין גאָרטן אָנרייסן אַביסל פעט־רישקע אויף וועטשערע, האָט זי באַלד געזען, אַז עמיצער איז דאָרט געווען.

— וואַרט! — האָט זי געזאָגט און געמאכט מיט דער האַנט — איך וועל דיר ווייזן ווי מ'קריכט אין פרעמדע גערטנער!

אָבער פּאַסקאַדאָזיאַ האָט זיך ווידער ניט געקאָנט איינהאַלטן. איר חשק צו פּעטרישקע איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז יעדן אָוונט פלעגט זי זיך אריינגנבענען אין דער מכשפהס גאָרטן. אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אַ היפּשע צייט, ביז די מכשפה האָט זי געכאַפּט.

— אהא, כ'האָב דיך געפּאַקט! — האָט די מכשפה זיך צעשריען — דו גנבטע! ווי וואַגסטו אַריינצוקומען צו מיר אין גאָרטן? וואַרט, איכל דיר ווייזן!

פּאַסקאַדאָזיאַ האָט זיך דערשראָקן, און זיך גענומען פֿאַרענטפערן:

— איך בין ניט קיין גנבטע — האָט זי געזאָגט. — און קיין פּרעסערקע בין איך אויך ניט. איך בין פשוט געווען שטאַרק הונגעריק און איך האָב מורא געהאַט, אַז טאָמער שטיל איך ניט מיין הונגער, וועט מיין קינד געבוירן ווערן מיט אַ צייכן פון פּעטרישקע אויפן פּנים.

— אַ תירוץ! — האָט די מכשפה געזאָגט. — מיך קאָנסטו נישט נאַרן! אויב דו ווילסט בלייבן לעבן, מוזטו מיר צוזאָגן, אַז ווען דיין קינד וועט געבוירן ווערן, וועט עס מיר געהערן.

אַזוי ווי פּאַסקאַדאָזיאַ איז געווען זייער אַן אבערגלויבערישע, האָט זי זיך דערשראָקן און צוגעזאָגט דער מכשפה, אַז ווען דאָס קינד וועט געבוירן ווערן, וועט עס געהערן צו איר.

ב

אין אַ חודש אַרום האָט פּאַסקאַדאָזיאַ געבוירן אַ מיידעלע. דאָס מיידעלע איז געווען אַזוי שיין, אַז איטלעכער האָט עס באַוואונדערט.

און אַזוי ווי עס איז געבוירן געוואָרן מיט אַ צייכן פון פעטרישקע אויפן ברוסט, האָט פאסקאַדאָזיא איר אַ נאָמען געגעבן: פעטרישקע.

דאָס מיידעלע איז געוואַקסן און פון טאָג צו טאָג אַלץ שענער געוואָרן. ווען זי איז אַלט געוואָרן זיבן יאָר, האָט די מאַמע איר געשיקט אין שול אַריין. אָבער יעדן מאָל וואָס די מכשפה האָט באַגעגנט די קליינע פעטרישקע, האָט זי צו איר געזאָגט:

— זאָג דיין מאַמען, אַז איך האָב ניט פאַרגעסן איר צוזאָג.

פעטרישקע פלעגט יעדן מאָל דערציילן דער מאַמען וואָס די מכשפה זאָגט איר, ביז איינמאָל האָט פאסקאַדאָזיא פאַרלוירן דאָס געדולד, און אָנגעזאָגט פעטרישקען:

— מיין קינד, אויב די מכשפה וועט דיר נאָך אַמאָל זאָגן די זעלבע ווערטער, זאָלסטו איר ענטפערן: נעם עס.

די קליינע פעטרישקע האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. ווען זי האָט נאָך אַמאָל באַגעגנט די מכשפה, און די מכשפה האָט איר געזאָגט די זעלביקע ווערטער, האָט זי געענטפערט ווי די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט:

— נעם עס.

ווען די מכשפה האָט דאָס דערהערט, האָט זי אָנגעכאַפּט פעטרישקען ביי די האָר, און זי אַוועקגעשלעפּט אין אַ געדיכטן וואַלד. קומענדיג אין וואַלד, האָט די מכשפה געזאָגט אַ שפּרוך, און באַלד איז אויף יענעם אָרט אויסגעוואַקסן אַ הויכער טורעם, אין וועלכן זי האָט פעטרישקען פאַרשפּאַרט.

דער טורעם האָט ניט געהאַט קיין טרעפּ, און ניט קיין לייטער, נאָר בלויז אַ קליין פענצטערל אויפן סאַמע שפּיץ. אַז די מכשפה

פלעגט וועלן אַרויפגיין אויפן טורעם, פלעגט זי זיך אָנכאַפּן ביי פּעטרישקעס לאַנגע האָר און אַזוי זיך ארויפדראַפּען.

ג

איינמאָל, ווען די מכשפה איז ניט געווען אין דער היים, האָט פּעטרישקע אַרויסגעשטעקט איר קאָפּ דורכן פענצטערל און פונאַנ־דערגעלאָזן אירע האָר אַנטקעגן דער זון. גראָד דאַן איז פאַרבייגעגאַנ־גען אַ יונגער בן־מלך. ווען דער בן־מלך האָט באַמערקט די צוויי לאַנגע גאָלדענע כוואַליעס האָר אַראָפּהענגען אויף דער ערד, האָט ער אויפגעהויבן זיין קאָפּ און דערזען די וואונדערשיינע פּעטרישקע ביים פענצטערל פון שפּיץ טורעם.

איר שיינקייט האָט אים פאַרכישופט. ער איז געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער צו דער ערד, האָט געקוקט אַרויף צו דער שיי־נער פּעטרישקע, און געזיפצט. ווען פּעטרישקע האָט באַמערקט ווי דער בן־מלך קוקט אויף איר און זיפצט, איז איר געוואָרן וואַרעם אין יעדן אבר, און זי האָט זיך צעשמייכלט.

דער בן־מלך פלעגט יעדן טאָג קומען צום טורעם, אַרויפקוקן צו פּעטרישקען, און זיפצן. און זי, פּעטרישקע, פלעגט אַראָפּקוקן צו אים און שמייכלען.

ד

איינמאָל האָבן זיי אָפּגעמאַכט צו טרעפן זיך. איז געבליבן, אַז פאַרנאַכט, ווען די מכשפה וועט אַוועקגיין, זאָל פּעטרישקע אַרונטער־

לאָזן אירע לאַנגע האָר, און דער בן־מלך זאָל אויף אירע האָר זיך אַרויפציִען צו איר אין טורעם. האָבן זיי אַזוי געטאָן.

אינדערפרי, איידער די מכשפה האָט זיך אומגעקערט, איז דער בן־מלך אַראָפּ פון טורעם אויף דער גאָלדענער לייטער פון פעטרישקעס שיינע האָר.

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, ביז די מכשפה האָט זיך דערוואוסט דערפון. האָט זי גענומען דריי ניס, אַריינגעטאָן אַ כּישוף אין זיי און פאַרכּישופט פעטרישקען. דערנאָך האָט זי די ניס באַהאַלטן אויף אַ הויכער פּאָליצע, און זי איז געווען זיכער, אַז פעטרישקע וועט ניט קאָנען אַנטלויפן, סיידן זי וועט געפינען די

דריי ניס. פעטרישקע האָט זיך גוט צוגעקוקט, און זי האָט באַ־מערקט אַלץ וואָס די מכשפה האָט געטאָן.

ה

פאַרנאַכט, ווען דער בן־מלך איז געקומען, האָט פעטרישקע אים געהייסן אַרויפקלעטערן צו דער הויכער פּאָליצע און געפינען די דריי פאַרכישופטע ניס. ער האָט אַזוי געטאָן, און ווען זיי האָבן באַקומען די ניס, האָבן זיי אויסגעפלאָכטן אַ לייטער פון שטריק, זיך אַראָפּגעלאָזט פון טורעם, און גענומען לויפן אין שטאָט אַריין.

ווען די מכשפה האָט אויסגעפונען, אַז פעטרישקע איז אַנטלאָפן, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דעם זעלבן לייטער, און גענומען נאָכ־יאָגן פעטרישקען און דעם בן־מלך. אַז פעטרישקע האָט דערזען ווי די מכשפה יאָגט איר נאָך, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איר לעבן און דאָס לעבן פון דעם בן־מלך איז אין געפאַר.

— וואָס טוט מען? — האָט פעטרישקע אַ זאָג געטאָן מיט פאַרצווייפלונג.

פלוצים האָט זי זיך דערמאָנט אָן די דריי פאַרכישופטע ניס, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען. זי האָט אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד די ערשטע נוס, און — וואונדער איבער וואונדער! — עס איז באַלד אויסגעוואַקסן אַ גרויסער בייזער הונט, וואָס האָט שרעקלעך געבילט און געשטשירעט מיט די ציין. דער הונט האָט זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער מכשפה מיט אַזאַ רציחה, ווי ער וואָלט זי וועלן איינשלינגען. אָבער די מכשפה האָט זיך ניט דערשראָקן. זי האָט

אַרויסגענומען אַ שטיקל ברויט פון איר קוישל, עס אַ וואָרף געטאָן צום הונט, און דער הונט האָט זיך באַרויאיקט. דערנאָך האָט זי זיך ווידער גענומען יאָגן נאָך פּעטרישקען.

פּעטרישקע האָט אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד די צווייטע נוס, און — וואונדער איבער וואונדער! עס האָט זיך באַלד באַוויזן אַ ווילדער לייב. דער לייב האָט געדרייט מיטן עק און געעפנט אַזאַ מויל, ווי ער וואָלט וועלן פאַרצוקן די מכשפה. אָבער די מכשפה האָט זיך ווידער ניט געשראָקן. זי איז צוגעלאָפן צו אַן אייזל, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויפן פעלד, גיך אָפּגעשונדן זיין פעל און זי אָנגעטאָן אויף זיך. ווען דער לייב האָט דערזען אַן אייזל, האָט ער זיך באַרויאיקט און מער די מכשפה ניט געטשעפּעט. די מכשפה האָט אָבער די אייזל־פעל פון זיך ניט אַראָפּגעוואָרפן, און אַזוי, מיט דער פעל אויף די פּלייצעס, האָט זי זיך גענומען יאָגן נאָך פּעטרישקען און דעם בן־מלך.

פּעטרישקע האָט אַ וואָרף געטאָן צו דער ערד די דריטע און לעצטע נוס, און עס האָט זיך באַוויזן אַ וואָלף. דער וואָלף האָט לאַנג ניט געקלערט, זיך אַ לאָז געטאָן אויף דער מכשפה און זי אויפגעגעסן אינאיינעם מיט דער אייזל־פעל.

פּעטרישקע און דער בן־מלך האָבן שוין איצט קיין מורא ניט געהאַט. זיי האָבן זיך אָנגענומען ביי די הענט און זיך געלאָזט גיין צום קעניגס פּאַלאַץ.

ווען דער קעניג האָט דערזען די וואונדערשיינע פּעטרישקע, איז זי אים אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט גלייך איינגעוויליקט זי זאָל חתונה האָבן מיט זיין זון.

און אַזוי האָט די טרויעריקע מעשה געהאַט אַ פריילעכן סוף.

טאָלאס מעשה איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. מען האָט זי אויס־געהערט ביזן סוף, און איטלעכן האָט באַנק געטאָן וואָס די מעשה האָט זיך אַזוי שנעל געענדיקט.

***

דערנאָך האָט דער בן־מלך אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די האָרבאַטע פּאָפּא זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשה.

דאָס צויבער־שטיינדל

א

און די האָרבאַטע פּאָפּא האט דערציילט:

אַמאָל איז געווען אַ פרוי מיט דעם נאָמען צעקארעלא, האָט זי געהאַט אַ זון, וואָס האָט געהייסן פּערלאַנטאָ. ער איז געווען זייער אַ מיאוסער, און דערצו אַ גרויסער נאַר. פלעגט די מאַמע זיך פאַרשעלטן די יאָרן וואָס איר איז באַשערט געווען אַזאַ מיאוסער און נאַרישער זון. עס איז פשוט ניט געווען אויסצוהאַלטן פון זיינע נאַרישקייטן. פלעגט די מאַמע שרייען אויף אים, אים שלאָגן און הרגענען, און עס האָט געהאָלפן ווי אַ טויטן באַנקעס.

איינמאָל האט זי צו אים געזאָגט:

— פּערלאַנטאָ, כאַפּ זיך אַריבער אין וואַלד אַריין און ברענג מיר אַ בינטל צווייגן. אָבער זע און ווער ניט פאַרלוירן אויפן וועג. קום באַלד צוריק, ווייל איך דאַרף אָפּקאָכן אַ טעפל קרויט.

פּערלאַנטאָ האָט זיך געלאָזט אין וואַלד אַריין מיט ווייניק חשק. ער איז מער געקראָכן ווי געגאַנגען. ער האָט זיך געדרייט אַהער און אַהין, געמאכט אַלערליי קונצעלעך מיט די פיס, כדי דער וועג זאָל וואָס לענגער זיך ציען.

אויפן וועג איז געווען אַ טייך. ווען ער איז צוגעקומען צום טייך, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען קוקן ווי דאָס וואַסער פליסט און רוישט. פּלוצים האָט ער באַמערקט דריי יינגלעך, וואָס זיינען געלעגן ביים ברעג פון טייך מיט קופּקעלעך גראָז צוקאָפּנס און געשמאַק געשלאָפן אַנטקעגן דער זון. ווען פּערלאַנטאָ האָט געזען די יינגלעך סמאַליען זיך אויף דער זון, האָט ער רחמנות גע־קראָגן אויף זיי. ער האָט אָפּגעבראָכן עטלעכע צווייגן פון אַ בוים און אויסגעפלאָכטן אַ שיין דעכל איבער זייערע קעפּ, כדי די זון זאָל זיי ניט סמאַליען.

ווען די יינגלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט און געזען ווי שיין פּערלאַנטאָ האָט געהאַנדלט, האָבן זיי אים געשאָנקן א צויבער־שטיינדל, און געזאָגט:

— דאָס צויבער־שטיינדל וועט אויפטאָן וואונדער פאַר דיר. טאָ־מער וועסטו עפּעס וועלן, זאָלסטו אַ בלאָז טאָן אויפן שטיינדל, און דו וועסט קריגן אַלץ וואָס דיין האַרץ גלוסט.

ב

פּערלאַנטאָ האָט גענומען דאָס צויבער־שטיינדל און איז אַוועק אין וואַלד אַריין. ער האָט אָנגעריסן אַ גאַנצן באַרג מיט צווייגן, אָבער ווען ער האָט די צווייגן אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק און זיי געוואָלט אויפהויבן, האָט ער ניט געקאָנט. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם בינט מיט צווייגן, און געקלערט:

— אוי, ווי גליקלעך איך וואָלט געווען ווען די צווייגן נעמען און טראָגן מיך אַהיים.

פלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם צויבער־שטיינדל, וואָס די יינגלעך האָבן אים געשאָנקען. ווי נאָר ער האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן שטיינדל, האָט דער בינט מיט צווייגן אים גענומען טראָגן ווי אַ פלינק פערד. ווען ער איז צוגעקומען צום קעניגס פּאַלאַץ, האָבן

די צווייגן גענומען שפּרינגען און מאַכן קונצעלעך ווי אַן אמתדיק פערד. אויפן גאַניק פון פּאַלאַץ זיינען געזעסן עטלעכע פּרויען, און ווען זיי האָבן דערזען דעם דאָזיקן וואונדער, זיינען זיי אריינגעלאָפן און דערציילט וועגן דעם דער בת־מלכה וואסטאלא. די בת־מלכה איז צוגעלאָפן צום פענצטער, און זעענדיק די קונצן וואָס דער בינט מיט

צווייגן מאַכט, האָט זי זיך שטאַרק צעלאַכט, כאָטש בטבע איז זי געווען אַן אומעטיקע. פערלאַנטאָ האָט געמיינט, אַז די בת־מלכה לאַכט פון אים, און ער האָט אויסגערופן:

— וואסטאלא, דו זאָלסט קיין רו ניט געפינען ביז וואַנען דו וועסט מיט מיר ניט חתונה האָבן!

דערנאָך האָט ער אַ בריקע געטאָן דעם בינט צווייגן, ווי מ׳בריעקט אַ פערד, און ער האָט זיך גענומען יאָגן פייל־אויסן־בויגן. נאָך אים האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אַ מחנה קינדער מיט געשרייען און געלעכטערס, און אַזוי אים באַגלייט ביז אַהיים.

ג

פון יענעם טאָג אָן האָט די בת־מלכה קיין רו שוין ניט געפונען. טאָג־איין און טאָג־אויס האָט זי נאָר געטראַכט פון פערלאַנטאָן, און געבענקט נאָך אים. איינמאָל, ווען דער קעניג האָט איר אָנגעזאָגט, אַז ער גייט איר חתונה מאַכן מיט אַ געוויסן פרינץ, האָט זי זיך צעוויינט, און געזאָגט:

— איך וויל ניט חתונה האָבן מיט קיינעם, אַחוץ מיט דעם, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן רייטנדיק אויף אַ בינט צווייגן.

ווען דער קעניג האָט געזען, אַז זיין טאָכטער וויל אים ניט פאָלגן, האָט ער אַרײַנגערופן זיינע ראַטגעבער און זיי געזאָגט, אַז ער וויל זי באַשטראָפן. די ראַטגעבער האָבן אים געראָטן, אַז איידער ער באַשטראָפט זי, זאָל ער קודם אויסגעפינען וועמען זי מיינט. דער קעניג האָט זיי געפאָלגט, און ער האָט באַפוילן, מ׳זאָל צוגרייטן

אַ גרויסע סעודה. צו דער סעודה האָט ער געהייסן איינלאַדן אַלע פּרינצן פון לאַנד, זיי אויסשטעלן אין אַ ריי און זען, וועמען פון זיי זיין טאָכטער וועט אויסקלייבן. האָט מען אַזוי געטאָן, אָבער וואסטאַ־לא האט קיינעם פון די פּרינצן ניט אויסגעקליבן.

דעמאָלט איז דער קעניג געוואָרן שטאַרק אין כעס. ער האָט גע־טופּעט מיט די פיס און פאַרלאַנגט פון די ראַטגעבער, זיי זאָלן גלייך באַשטראָפן זיין טאָכטער.

— באַרואיק זיך, קעניג — האָבן די ראַטגעבער אים געבעטן. — לאָמיר צוגרייטן אַ צווייטע סעודה, אָבער ניט פאַר פּרינצן, נאָר פאַר פשוטע מענטשן.

דער קעניג האָט זיך באַרואיקט, און געהייסן צוגרייטן אַ צווייטע סעודה. צו דער צווייטער סעודה זיינען שוין געקומען אַזעלכע פשוטע מענטשן, ווי בלעכערס, גאַסן־קערער, בעטלער און סתם אָרעמע־לייט. זיי האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די לאַנגע טישן און זיך שטאַרק משמח געווען.

ווען פערלאַנטאָס מאַמע האָט זיך דערוואוסט פון דעם קעניגס צווייטער סעודה, האָט זי אים געזאָגט, ער זאָל אויך גיין אַהין. פער־לאַנטאָ איז גלייך אַוועק צו דער סעודה, און נאָך איידער ער האָט זיך רעכט אוועקגעזעצט ביים טיש, האָט די בת־מלכה אויסגערופן :

— אָט איז ער !

דער קעניג איז געוואָרן אויסער זיך פון צאָרן. ער האָט זיך גע־ריסן די האָר פון קאָפּ און געזאָגט :

— סטייטש, וואָס האָט זי אין אים דערזען ? ער איז דאָך אַ פאַרזעעניש ! וואָס וואָרט איר, ראַטגעבער ? וואָס באַשטראָפט איר זי ניט ?

די ראַטגעבער האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און באַ־שלאָסן, אַז דאָס פּאָרל זאָל אריינגעלייגט ווערן אין אַ קאַסטן, און דעם קאַסטן זאָל מען אַריינוואַרפן אין ים אַריין.

ד

מען האָט געבראַכט אַ גרויסן קאַסטן, אַריינגעלייגט דאָס פּאָרל, און ווען מ׳האָט זיך גענומען פאַרקלאַפּן דעם קאַסטן, זיינען צוגעלאָפן אַ פּאָר הויף־דאַמען און זיך געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, מ׳זאָל זיי לאָזן מיטגעבען דער בת־מלכה אַ פּאָר קוישלעך מיט ראָזשינקעס און פייגן, כדי זי זאָל ניט אויסגיין פון הונגער. מען האָט באַוויליקט זייער בקשה, און באַלד נאָך דעם האָט מען פאַר־קלאַפּט דעם קאַסטן און אים אַריינגעוואָרפן אין ים אַריין.

ווען דער קאַסטן איז שוין געלעגן אין ים, האָט וואסטאלא זיך צעוויינט, און געזאָגט צו פערלאַנטאָן:

— פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטראָף ? וואָס פאַר אַ כישוף האָס־טו מיר אָפּגעטאָן, וואָס איך האָב דיך אַזוי ליב געקראָגן ?

פערלאַנטאָ האָט אַ ווײַלע געשוויגן, דערנאָך האָט ער געענט־פערט:

— גיב מיר אַ פּאָר ראָזשינקעס מיט פייגן, וועל איך דיר זאָגן.

וואסטאלא האָט אים געגעבן אַ פולע האַנט מיט ראָזשינקעס און פייגן, און פערלאַנטאָ האָט איר דערציילט די גאַנצע מעשה מיט די דריי ייִנגלעך, מיט דעם צוויבער־שטיינדל, מיט דעם בינט צווייגן, און אַזוי ווייטער. ווען די בת־מלכה האָט דאָס געהערט, האָט זי געזאָגט :

— אויב אַזוי קאָנסטו דאָך מאַכן, אַז דער קאַסטן זאָל פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַ שיף !

און פערלאַנטאָ האָט געענטפערט :

— גיב מיר ראָזשינקעס מיט פייגן, וועל איך דיר דעם וואונדער צייגן.

זי האָט אים געהייסן עפענען דאָס מויל, און אים אַריינגעשאָטן אַ סך ראָזשינקעס מיט פייגן. פערלאַנטאָ האָט דאַן אַרויסגענומען דאָס צויבער־שטיינדל, אַ בלאָז געטאָן, און — וואונדער איבער וואונדער ! דער קאַסטן איז מיטאַמאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיף מיט אַ סך זעגלען און מאַטראָזן.

די שיף האָט זיך געגליטשט אויפן ים ווי אויף אַ שפּיגל. אַזוי זיינען זיי געשוואומען אַ גאַנצן טאָג, ביז ס׳איז נאַכט געוואָרן. ווען די לבנה האָט זיך באַוויזן, האָט די בת־מלכה ווידער געזאָגט :

— פערלאַנטאָ, איצט מאַך אַז די שיף זאָל פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאַלאַץ.

און פערלאַנטאָ האָט געענטפערט :

— גיב מיר ראָזשינקעס מיט פייגן, וועל איך דיר דעם וואונ־דער צייגן.

זי האָט אים ווידער אָנגעשאָטן א פול מויל מיט ראָזשינקעס און פייגן, און — וואונדער איבער וואונדער ! ווי נאָר פערלאַנטאָ האָט אַ בלאָז געטאָן אויפן צויבער־שטיינדל, איז די שיף פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַ וואונדער־שיינעם פּאַלאַץ מיט די טייערסטע מעבל און שענסטע פאָרהאַנגען.

איצט איז די בת־מלכה געווען צופרידן. אָבער ווערנדיק זיין אויף אן אמת גליקלעך, האָט זי אים געבעטן, ער זאָל אַזוי מאַכן, אַז ער אַליין זאָל ווערן אַ שיינער און אן איידעלער.

— דו ווילסט, איך זאָל אויסזען ווי אַ פּרינץ ? — האָט פּערלאַנטאָ געפרעגט.

— יא ! — האָט וואסטאלא אויסגערופן מיט פרייד.

און פערלאנטא האָט געענטפערט :

— גיב מיר ראָזשינקעס מיט פייגן, וועל איך דיר דעם וואונ־דער צייגן.

פערלאַנטאָ האָט זיך באַלעקט פון די ראָזשינקעס און פייגן, און — וואונדער איבער וואונדער ! די בת־מלכה האָט פלוצים דערזען פאַר זיך אַ שיינעם און איידעלן פרינץ, און זי איז געווען אמת גליק־לעך.

ה

דער קעניג איז אָבער געווען זייער אומגליקלעך. זינט יענעם טאָג, ווען זיין טאָכטער איז אריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים, האָט ער זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען. ער האָט געהאַלטן אין איין אַרומשפּאַנען איבער זיין פּלאַץ, און נאָכאַנאַנד געזיפצט. ווענדיק פאַרגעסן זיינע צרות, האָט ער געהייסן מ׳זאָל אים נעמען אויף יאַגד.

אויפן וועג איז דער קעניג מיט זיין סוויטע פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ גרויסן שטורעם. עס האָט געגאָסן ווי מיט צעבערס, און עס

האָט געבליצט און געדונערט סכנת נפשות. ווען די נאכט איז צו־געפאַלן, האָט דער קעניג פאַרלאָרן דעם וועג און געגומען בלאָנדזשען.

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ ליכט פון ווייטנס. דער קעניג און זיין סוויטע האָבן זיך געלאָזט צו יענעם ליכט, און זיי האָבן באַלד באַמערקט, אַז דאָס ליכט קומט פון אַ גרויסן פּאַלאַץ. דער קעניג האָט געשיקט אַ דינער צום פּאַלאַץ, ער זאָל פרעגן צי מ׳וועט זיי געבן נאַכטלעגער. אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער דינער זיך אומגע־קערט און געזאָגט, אַז די מענטשן פון דעם פּאַלאַץ זיינען זייער פריינדלעכע, און אַז זיי גרייטן צו אַ גרויסע סעודה פאַר דעם קעניג מיט זיין סוויטע.

ווען דער קעניג איז אריינגעקומען אין פּאַלאַץ און זיך געלאָזט גיין אויף די ווייסע מירמעלנע טרעפּ, איז ער פאַרבייגעגאַנגען אַ סך שיינע סאַלאָנען, אָבער קיין לעבעדיקן נפש האָט ער דאָרט ניט געזען. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש און געוואַרט. מיטאַמאָל איז דער טיש באַדעקט געוואָרן מיט די בעסטע מאכלים און טייערסטע וויינען. דער קעניג האָט זיך צוגעכאַפּט צו די פיינע מאכלים און געטראַנקען, און זיינע אויערן האָבן בעת מעשה פאַרנומען די שענסטע מוזיק פון פלייטן און הארפן. נאָכן עסן, האָט זיך פלוצים אַריינגע־רוקט אַ בעט, וואָס איז געווען אינגאנצן באַדעקט מיט גאָלד און זיל־בער. דער קעניג האָט געהייסן זיינע דינער, זיי זאָלן אים אויסטאָן, און ער האָט זיך געלייגט שלאָפן.

אינדערפרי, ווען דער קעניג איז אויפגעשטאַנען און זיך גע־מאַכט גרייט אין וועג אַריין, האָט ער געוואָלט וויסן, ווער עס זיינען די גוטע מענטשן, וואָס האָבן אים אַזוי שיין אויפגענומען אין זייער פּאַ־לאַץ. דאַן האָט מיטאַמאָל זיך באַוויזן זיין טאָכטער וואסטאלא מיט

איר געליבטן פּערלאַנטאַ. וואסטאלא האָט זיך געוואָרפן צום קעניגס פיס און אים דערציילט די גאַנצע מעשה פון די וואונדער, וואָס האָבן מיט איר געטראָפן.

דער קעניג איז געווען צופרידן מיט זיין טאָכטערס אויסדערוויילטן חתן און געזאָגט, אַז נאָך דעם זעלביקן טאָג וועט ער פּראַווען זייער חתונה. אַלע זיינען אַוועק צום קעניגס פּאַלאַץ און מ׳האָט געפּראַוועט אַ חתונה מיט אַ גרויסער און פייערלעכער סעודה, וואָס האָט זיך געצויגן דריי טעג און דריי נעכט נאָכאַנאַנד.

***

ווען די האָרבאַטע פּאָפּא האָט פאַרענדיקט איר שיינע מעשה, האָט דער פּרינץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די וואָנצעוואַטע אנטאָנעלא זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשה.

די דריי שוועסטער

א

אין די וואַנצעוואַטע אנטאָנעלא האָט דערציילט:

אַמאָל איז געווען אַ פרוי, האָט זי געהאַט דריי טעכטער. די עלטערע צוויי טעכטער זיינען געווען נישט קיין געראָטענע. וואָס זיי האָבן געטאָן האָט נישט געטויגט, און צו וואָס זיי האָבן זיך גענומען, איז געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. און קיין שיינע זיינען זיי אויך ניט געווען.

דערפאַר איז אָבער די יינגסטע טאָכטער געווען זייער אַ געראָטענע. זי האָט געהייסן נעלא. אירע מעלות האָבן געשמט איבערן גאַנצן לאַנד. און שיין איז זי געווען ווי די גאַנצע וועלט. איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַלע האָבן זי ליב געהאַט.

די עלטערע צוויי שוועסטער זיינען געווען זייער אייפערזיכטיק אויף איר. אָבער וואָס מער אייפערזיכטיק זיי זיינען געווען, אַלץ מער האָט מען נעלאָן ליב געהאַט און באַוואונדערט.

אין יענעם לאַנד איז געווען אַ בן־מלך, האָט ער אויך נעלאָן ליב געהאַט. ער איז פשוט אויסגעגאַנגען נאָך איר. אָבער נעלא איז אין אַנהייב געווען קאַלט צו אים. האָט ער זיך אַזוי לאַנג געדרייט ארום

איר פענצטער, און גערעדט אַזעלכע שיינע רייד, ביז ער האָט איר האַרץ געוואונען.

נעלאָ האָט אָבער מורא געהאַט, אַז טאָמער וועט איר מאַמע זיך דערוויסן פון איר ליבע מיט דעם בן־מלך, וועט זי אים פּאַרטרייבן און צעשטערן זייער גליק. ווען זי האָט דאָס געזאָגט דעם בן־מלך, האָט ער זי געגלעט און באַרואיקט:

— שרעק זיך ניט, מיין טייערע. איך האָב אַן עצה.

— וואָס איז די עצה? — האָט נעלא געפרעגט.

און דער בן־מלך האָט איר געזאָגט:

— איך וועל אויסבויען אַ קרישטאָלענעם דורכגאַנג אונטער דער ערד, וואָס וועט זיך ציען פון מיין פּאַלאַץ ביז צו דיין הויז, און אָט אַזוי וועלן מיר זיך טרעפן און דיין מאַמע וועט ניט וויסן.

אַזוי האָט ער טאַקע געטאָן.

ווען דער דורכגאַנג איז פאַרטיק געוואָרן, האָט ער פאַרכישופט דעם קרישטאָל, און דער דורכגאַנג איז מיט אַמאָל געוואָרן אַזוי ליכטיק, ווי זיבן זונען וואָלטן געשיינט. דערנאָך האָט ער נעלאן געגעבן אַזאַ מין פּודער און צו איר געזאָגט, אַז יעדן מאָל וואָס זי וועט אים וועלן זען, זאָל זי אַריינשיטן אַביסל פּודער אינעם פייער, און ער וועט תיכף קומען צו איר.

ב

אַזוי איז דאָס אָנגעגאַנגען אַ שטיק צייט, ביז די אַנדערע צוויי שוועסטער האָבן זיך דערוואוסט דערפון. זייער אייפערזוכט האָט זיך נאָך שטאַרקער צעפלאַקערט, און זיי האָבן באַשלאָסן אָפּצושטעלן די

געהיימע ליבע צווישן זייער שוועסטער און דעם בן־מלך. זיי האָבן גע־נומען צוויי העק און צעבראָכן דעם קרישטאָלענעם דורכגאַנג. ווען דער בן־מלך האָט זיך געלאָזט גיין צו זיין געליבטער, איז ער אַזוי צעשניטן געוואָרן פון דעם צעבראָכענעם קרישטאָל, אַז ס׳איז געווען אַ רחמנות אויף אים. זעענדיק אַז ער קאָן צו זיין געליבטער ניט צוקומען, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים, איינגאַנצן אַ פאַרבלוטיקטער.

זיינע וואונדן זיינען געווען אַזוי טיף, אַז ער האָט זיך געמוזט אריינלייגן אין בעט.

ווען דער מלך האָט געזען ווי קראַנק זיין זון איז, איז ער געוואָרן זייער באַזאָרגט, און געהייסן רופן די גרעסטע דאָקטוירים פון לאַנד. יעדער פון זיי האָט געזאָגט, אַז ער קאָן דעם בן־מלך ניט היילן, ווייל דער קרישטאָל איז געווען אַ פאַרכישופטער, און צו אַזעלכע וואונדן איז קיין רפואה ניטאָ.

דער מלך איז געוואָרן שטאַרק פאַרצווייפלט, און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. ווען די דאָקטוירים האָבן געזען ווי פאַרצווייפלט ער איז, האָבן זיי אויף אים רחמנות געקראָגן, און געזאָגט:

— באַרואיק זיך, קעניג. אפשר וועט זיך פאָרט געפינען עמיצער, וואָס קאָן היילן דיין זון.

דער מלך האָט דערזען אַ פרישן שטראַל פון האָפענונג און געלאָזט וויסן, אַז ווער עס וועט היילן זיין זון, וועט קריגן אַ גרויסע באַלוי־נונג. אויב די רפואה וועט געבראַכט ווערן פון אַ מאַן, וועט ער קריגן אַ העלפט פון זיין קעניגרייך; אויב די רפואה וועט געבראַכט ווערן פון אַ פרוי, וועט ער איר חתונה מאַכן מיט דעם בן־מלך.

ג

נעלא איז געזעסן פאַרטראַכט אין איר צימער און געהאַלטן אין איין וויינען. ווען זי האָט זיך דערוואוסט וואָס דער מלך האָט צוגע־זאָגט, האָט זי אָפּגעשוואַרצט איר פּנים מיט סאַזשע, זיך פאַרשטעלט אין פרעמדע קליידער, און זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ רפואה פאַר איר גע־ליבטן.

זי איז געגאַנגען איבער בערג און איבער טאָלן, איבער פעלדער און טייכן, און נישט מיד געוואָרן. ווען ס'איז נאַכט געוואָרן, האָט זי שוין ניט געזען וואו זי גייט, אָבער זי איז ווייטער געגאַנגען. און אַזוי איז זי דערגאַנגען ביז צו אַ גרויסן און געדיכטן וואַלד.

אין יענעם וואַלד האָט געוואוינט אַ מענטשנפרעסער. דערזען דעם מענטשנפרעסערס הויז, האָט זיך נעלא דערשראָקן, און זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ בוים. די פענצטער פונעם הויז זיינען געשטאַ־נען אָפן, און נעלא האָט געזען, ווי דער מענטשנפרעסער מיט זיין ווייב זיצן ביים טיש און עסן. ווען זיי האָבן אָפּגעגעסן, האָבן זיי פאַר־לאָשן דעם לאָמפּ, און גענומען ריידן אין דער פינצטער. האָט נעלא געהערט, ווי די מענטשנפרעסערן האָט אַ פרעג געטאָן איר מאַן:

— זאָג מיר, טייערער, וואָס הערט זיך עפּעס אויף דער וועלט?

— פאַראַן אַ סך נייעס, מיין טייערע — האָט דער מענטשנפרע־סער געזאָגט. — אָבער איצט וויל איך דיר דערציילן וואָס ס'האָט געטראָפן מיט דעם בן־מלך.

און ער האָט איר דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון דעם קריש־טאָלענעם דורכגאַנג, און ווי דער בן־מלך איז פאַרוואונדעט און

קראַנק געוואָרן פון דעם צעבראָכענעם קרישטאָל. ער האָט איר אויך דערציילט פון דער באַלוינונג, וואָס דער מלך האָט צוגעזאָגט פאַר דער רפואה, וואָס מען וועט ברענגען פאַר זיין זון.

— דו האלטסט אַז ס'איז פאַראַן אַ רפואה פאַר דעם בן־מלך ? — האָט די מענטשנפרעסערן געפרעגט.

— איך האַלט אַז נישט — האָט דער מענטשנפרעסער געזאָגט. — דער מלך וועט זיך מוזן נעמען צוגרייטן אַ לויה פאַר זיין זון.

ד

ווען נעלא האָט געהערט פון וואָס איר געליבטער איז קראַנק געוואָרן, האָט זי זיך צעוויינט, און געזאָגט צו זיך אַליין :

— ווער איז געווען דער שלעכטער מענטש, וואָס האָט צע־

בראָכן דעם קרישטאָלענעם דורכגאַנג און קראַנק געמאַכט מיין גע־ליבטן?

זי האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט, אַז מ׳קאָן זי דערהערן, און זי איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— זאָג מיר, טייערער, — האָט די מענטשנפרעסערן ווידער גע־פרעגט איר מאַן — ביסטו טאַקע זיכער, אַז מ׳קאָן פאַר דעם בן־מלך קיין רפואה נישט געפינען?

דער מענטשנפרעסער האָט זיך אַ ווײַלע געקווענקלט, און דער־נאָך געזאָגט:

— פאַראַן בלויז איין זאַך, וואָס קאָן היילן דעם בן־מלך. אָבער איך קאָן עס דיר נישט זאָגן.

— זאָג עס מיר! — האָט די מענטשנפרעסערן זיך געבעטן. — אויב דו זאָגסט מיר נישט, וועל איך שטאַרבן!

— אויב אַזוי — איז דער מענטשנפרעסער ווייכער געוואָרן — וועל איך דיר זאָגן, אָבער מיט איין באַדינג: קיינער טאָר זיך וועגן דעם נישט דערוויסן. ווייל טאָמער דערוויסט מען זיך, זיינען מיר אין געפאַר מיט אונדזער לעבן.

— האָב נישט מורא, מיין טייערער. איך וועל עס קיינעם נישט דערציילן.

— שווער זיך! — האָט דער מענטשנפרעסער פאַרלאַנגט.

די מענטשנפרעסערן האָט צוגעלייגט די האַנט צום האַרצן, און געשוואוירן.

— פאַראַן בלויז איין זאַך, וואָס קאָן היילן דעם בן־מלך — האָט דער מענטשנפרעסער געזאָגט. — דאָס איז די זאַלב, וואָס געפינט

זיך ביי אונדז. ווי נאָר דער בן־מלך וועט באַשמירט ווערן מיט דער זאַלב, וועט ער באַלד געזונט ווערן.

ה

נעלא איז געזעסן אויפן בוים און האָט דאָס אַלץ געהערט. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בוים, זיך אָנגענומען מיט מוט, און אָנגעקלאַפּט אָן דעם מענטשנפרעסערס טיר.

— ווער איז דאָרט ? — האָט דער מענטשנפרעסער געפרעגט.

— דאָס בין איך — האָט נעלא געענטפערט — אַן אָרעם מיידל.

די מענטשנפרעסערן האָט געמיינט, אַז נעלא איז אַ הונגעריקע בעטלערן, און איר ארויסגעוואָרפן אַ שטיקל ברויט דורכן פענצטער.

— ניין, איך וויל ניט קיין ברויט — האָט נעלא געזאָגט. — איך וויל, איר זאָלט מיר העלפן מיט עפּעס אַנדערש.

דער מענטשנפרעסער האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ און אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ דורכן פענצטער. ווען ער האָט דערזען נעלאן, האָט זיין ווילדער אַפּעטיט זיך צעשפּילט אין אים און ער האָט געטראַכט, אַז גאָט אַליין האָט אים צוגעשיקט אַזאַ גוטן ביסן. אָבער ניט וועלנדיק, אַז נעלא זאָל זיך כאַפּן וואָס ער מיינט, האָט ער זיך כלומרשט צעשמייכלט מיט אַ זיס שמייכעלע, און געזאָגט צו זיין ווייב :

— מיין טייערע, לאָז אַריין דאָס אָרעמע מיידל. אַ ווילדע חיה קאָן זי נאָך חלילה אויפעסן.

די מענטשנפרעסערן האָט געעפנט די טיר און אריינגעלאָזט נעלאן. דער מענטשנפרעסער האָט זי באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס,

און זי איז אים זייער געפעלן געוואָרן. אָבער כדי צו קריגן נאָך אַ גרעסערן אַפּעטיט, האָט ער באַשלאָסן צו טרינקען אַ פּאָר קריגלעך וויין. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ערשטע קריגל וויין אויפן טיש, און כלומרשט געזאָגט צו זיין ווייב:

— מיין טייערע, לאָמיר טרינקען און זיך משמח זיין מיט אונדזער גאַסט.

זיי האָבן זיך ביידע גענומען צום טרינקען, און אַזוי לאַנג געטרונקען, ביז זיי זיינען שטאַרק שיכור געוואָרן. דער מענטשנפרעסער האָט שוין ניט געקאָנט האַלטן זיין קאָפּ, און די מענטשנפרעסערן האָט שוין ניט געוואוסט וואָס זי רעדט. זיי זיינען באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן, און געשמאַק געכראָפּעט.

ו

ווען נעלא האָט געזען אַז זיי שלאָפן, האָט זי אַראָפּגעכאַפּט אַ שטריק פון וואַנט און זיי ביידן אַרומגעבונדן. דערנאָך האָט זי אַ כאַפּ געטאָן די זאַלב פון דער פּאָליצע, און זיך געלאָזט לויפן צום קעניג.

— קעניג! — האָט זי אויסגערופן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. — איך האָב געבראַכט אַ רפואה פאַר דעם בן־מלך! אָט איז זי!

דער קעניג איז געווען איבערגליקליך. ער איז אויף גיך אַריינגעלאָפן צו זיין זון און אים באַשמירט מיט דער זאַלב, וואָס נעלא האָט געבראַכט. אַ ווײַלע שפּעטער האָט דער בן־מלך געשמייכלט, און ער איז תיכף געזונט געוואָרן. ווען דער קעניג האָט דאָס דערזען, האָט ער אַריינגערופן נעלאַן, און געזאָגט צו זיין זון:

— אָט איז דאָס מיידל, וואָס האָט דיך געזונט געמאכט. מאָרגן וועסטו מיט איר חתונה האָבן, ווייל אַזוי האָב איך צוגעזאָגט.

— איך קאָן דאָס ניט טאָן! — האָט דער בן־מלך געזאָגט.

— פאַרוואָס?

— ווייל מיין האַרץ געהערט צו אַן אַנדערער.

האָט נעלא אים געפרעגט:

— האָסטו די אַנדערע אויף אַן אמת ליב?

— איך האָב זי ליב נאָך מער ווי מיין לעבן! — האָט דער בן־מלך געזאָגט.

דאַן האָט נעלא זיך געהייסן דערלאַנגען אַ שיסל מיט וואַסער, און זי האָט אַראָפּגעוואַשן די שוואַרצע סאַזשע פון איר פּנים. ווען דער בן־מלך האָט דערזען איר אמת פּנים, האָט ער זי צוגעדריקט צו זיין האַרץ און געזאָגט, אַז זי האָט ער טאַקע געמיינט.

אויף מאָרגן האָבן זיי ביידע חתונה געהאַט, און די חתונה איז געווען זייער אַ פריילעכע.

****

די מעשה האָט שטאַרק אויסגענומען, און אַלע האָבן זיך געפרייט מיט דעם גליקלעכן סוף. דערנאָך האָט דער פּרינץ אַ מאַך־געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די קורצע טאָלא זאָל אָנהייבן דערציילן איר מעשה.

דער שוטה

א

און די קורצע טאָלא האט דערציילט:

אַמאָל איז געווען אַ רייכער מאַן, וואָס אַלע האָבן אים מקנא געווען מיט זיין רייכקייט. אָבער אין דער אמת'ן איז אים נישט געווען וואָס מקנא צו זיין. זיין רייכקייט איז אים נישט באַקומען, ווייל ער האָט געהאַט אַ זון, וואָס איז געווען אַ גרויסער שוטה. דער זון האָט געהייסן נאַרדאָ. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ שוטה נאַרדאָ איז געווען, אַז ער האָט אַפילו נישט געוואוסט דעם אונטער־שייד צווישן אַ באָקסער און אַ ציבעלע.

איינמאָל האָט דער פאָטער באַשלאָסן, אַז ער מוז עפעס טאָן מיט זיין זון. האָט ער אים געגעבן אַ פולע האַנט מיט רענדלעך און אים געשיקט האַנדלען איבער דער וועלט. דער פאָטער האָט גע־קלערט, אַז ווען נאַרדאָ וועט רייזן איבער דער וועלט און האַנדלען מיט פאַרשידענע מענטשן, וועט ער אפשר קליגער ווערן.

האָט זיך נאַרדאָ אַרויסגעלאָזט איבער דער וועלט. ווען ער איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע שעה, האָט ער אָנגעטראָפן אַ יינגל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן אַ בוים. האָט ער אים געפרעגט:

— ווי הייסטו? פון וואַנען קומסטו? און וואָס קאָנסטו טאָן?

האָט דאָס ייִנגל געענטפערט:
— מײַן נאָמען איז בליצשנעל, איך קום פֿון פֿײַלנלאַנד, און איך קאָן לויפֿן שנעלער פֿון דעם ווינט.
— באַווײַז עס מיר! — האָט נאָרדאָ געזאָגט.
און בליצשנעל האָט אים געענטפערט:
— וואַרט אַ ווײַלע, וועל איך עס דיר באַווײַזן.
אַ ביסל שפּעטער איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן אַ הירש. ווען דער הירש איז שוין געווען ווײַט אַוועק, האָט בליצשנעל זיך אַ לאָז־געטאָן נאָך אים, און אין עטלעכע מינוט האָט ער אים אַריבערגעיאָגט.
נאָרדאָ איז געווען זייער איבערראַשט פֿון דעם ייִנגלס לויפֿן און האָט צו אים געזאָגט:
— קום מיט מיר און דו וועסט קריגן אַ גרויסע באַלוינונג.
בליצשנעל האָט אײַנגעוויליקט, און זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט אין וועג אַרײַן.

ב

ווען נאָרדאָ איז אָפּגעגאַנגען עטלעכע מײַל, האָט ער אָנגעטראָפֿן אַ צווייטן ייִנגל. און ער האָט אים געפֿרעגט:
— וואָס איז דײַן נאָמען? פֿון וואַנען קומסטו? און וואָס קאָנסטו טאָן?
און דער ייִנגל האָט אים געענטפערט:
— מײַן נאָמען איז האָזנאויער, איך קום פֿון נײַגערלאַנד, און אַז איך לייג־צו מײַן אויער צו דער ערד, קאָן איך הערן וואָס מ׳רעדט מײַלן אַוועק.

— באַוויַיז עס מיר ! — האָט נאַרדאָ געזאָגט. — אָט לאָמיך אָקאָרשט הערן צי דו ווייסט וואָס מיין טאַטע זאָגט איצט אין דער היים.

האָזנאויער האָט צוגעלייגט זיין אויער צו דער ערד און געזאָגט :

— איך הער ווי דיין טאַטע רעדט צו זיינעם אַ שכן : „דאַנקען גאָט וואָס איך בין פטור געוואָרן פון מיין זון דעם שוטה ! איך האָב אים געשיקט איבער דער וועלט האַנדלען מיט מענטשן. אפשר וועט ער פון דעם אַ ביסל קליגער ווערן. ער איז אַ גרויסער נאַר, אַ לעקיש, אַ בהמה, אַ...״

— גענוג ! גענוג ! — האָט נאַרדאָ אויסגערופן. — איך זע, אַז דו זאָגסט דעם אמת. קום מיט מיר און דו וועסט קריגן אַ גרויסע באַ־לוינונג.

האָזנאויער האָט איינגעוויליגט, און זיי האָבן זיך אַלע דריי גע־לאָזט אין וועג אַריין.

ג

עטלעכע מייל ווייטער האָט נאַרדאָ באַגעגנט נאָך אַ יינגל. און ער האָט אים געפרעגט :

— וואָס איז דיין נאָמען ? פון וואַנען קומסטו ? און וואָס קאָנסטו טאָן ?

— מיין נאָמען איז שיסגוט, איך קום פון טרעפלאַנד, און איך קאָן טרעפן מיט אַ פייל אין סאַמע מיט פון אַ קליין עפּעלע.

— באַוויַיז עס מיר ! — האָט נאַרדאָ געזאָגט.

שיסגוט האָט געזוכט אַ קליין עפּעלע, און אַזוי ווי ער האָט קיין

עפּעלע נישט געפונען, האָט ער גענומען אַ קליין אַרבעסל און עס אַוועקגעלייגט אויף אַ שטיין. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען זיין פּייל־און־בויגן, און אַריינגעשאָסן די פּייל גלייך אין דעם אַרבעסל.

ווען נאָרדאָ האָט געזען וואָס פאַר אַ בריהשקייט שיסגוט באַוויזט, האָט ער אים אויך מיטגענומען מיט זיך.

ד

עטלעכע מייל ווייטער האָט נאָרדאָ אָנגעטראָפן אַ פּאָר מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער הייסער זון און געבויט אַ הויז. האָט ער זיי געפרעגט:

— ליבע מענטשן, ווי קאָנט איר שטיין און אַרבעטן אין אַזאַ היץ?

און איינער פון זיי האָט געענטפערט:

— אונדז איז נישט הייס. מיר האָבן מיט זיך אַ יינגל, וואָס בלאָזט אויף אונדז, און עס איז קיל, אַ מחיה.

— וואו איז ער? — האָט נאָרדאָ געפרעגט. — איך וויל אים זען.

מען האָט צוגערופן דעם יינגל, און נאָרדאָ האָט אים געפרעגט:

— זאָג מיר חבר: וואָס איז דיין נאָמען? פון וואַנען קומסטו? און וואָס קאָנסטו טאָן?

און דער יינגל האָט געענטפערט:

— מיין נאָמען איז בלאָזשטאַרק, איך קום פון שטורעמלאַנד, און איך קאָן מאַכן אַלערליי ווינטן מיט מיין מויל.

— באַווייז עס מיר! — האָט נאָרדאָ געזאָגט.

בלאָזשטאַרק האָט לייכט אַ בלאָז געטאָן, און נארדאָ האָט דער־פילט אַ צאַרט ווינטל, וואָס האָט אים געגלעט ווי אַ פעדערל פון אַ קליין פייגעלע. דערנאָך האָט ער געטאָן אַזאַ בלאָז, אַז די בוימער ביי דער זייט זיינען אַזש אויסגעריסן געוואָרן אינאיינעם מיט זייערע וואָרצלען.

ווען נארדאָ האָט דאָס געזען, האָט ער אים געהייסן אויך מיט־גיין מיט אים.

ה

ווען נארדאָ איז אָפּגעגאַנגען נאָך עטלעכע מייל, האָט ער אָנ־געטראָפן אַ פינפטן יינגל, און ער האָט אים געפרעגט:

— וואָס איז דיין נאָמען? פון וואַנען קומסטו? און וואָס קאָנסטו טאָן?

און דער יינגל האָט געענטפערט:

— מיין נאָמען איז רוקנקראַפט, איך קום פון ריזנלאַנד, און איך קאָן טראָגן דעם גרעסטן באַרג אויף מיינע פלייצעס.

— אויב דאָס וואָס דו דערציילסט מיר איז אמת — האָט נארדאָ גע־זאָגט — דאַן ביסטו ווערט צו זיין דער קעניג פון וואונדערלאַנד. אָבער צוערשט באַווייז עס מיר!

רוקנקראַפט האָט אָנגעלאָדן אויף זיינע פלייצעס אַ סך שטיינער, אַ סך שטאַמען פון בוימער, און אַ סך אַנדערע זאַכן, וואָס טויזנט ווע־גענער מיט די שטאַרקסטע פערד וואָלטן דאָס נישט געקאָנט דערטראָגן. ווען נארדאָ האָט דאָס דערזען, האָט ער אים אויך מיטגענומען מיט זיך.

ו

זיי האָבן זיך אַלע געלאָזט אין וועג אַריין, און אין עטלעכע טעג אַרום זיינען זיי אָנגעקומען אין בלומענלאַנד. דער קעניג פון בלומענ־לאַנד האָט געהאַט אַ טאָכטער, וואָס האָט געקאָנט שנעל לויפן, נאָך שנעלער פון דעם ווינט. האָט דער קעניג געלאָזט וויסן, אַז ווער עס וועט אַריבעריאָגן זיין טאָכטער, דער וועט חתונה האָבן מיט איר. אָבער טאָמער וועט זיך איינער אונטערנעמען און זי נישט אַריבעריאָגן, וועט ער מוזן באַצאָלן מיט זיין לעבן.

ווען נאַרדאָ האָט דאָס געהערט, איז ער אַוועק צום קעניג און גע־זאָגט, אַז ער נעמט זיך אונטער אַריבערצויאָגן זיין טאָכטער. אָבער אויף מאָרגן, ווען ס׳איז געקומען צום לויפן, האָט נאַרדאָ געלאָזט וויסן דעם קעניג, אַז ער איז קראַנק, און אַז ער איז גרייט צו שיקן אַן אַנדערן אויף זיין אָרט. דער קעניג האָט געפרעגט זיין טאָכטער וואָס זי דענקט וועגן דעם, און זי האָט געענטפערט:

— מיך אָרט נישט ווער עס קומט! זאָל קומען ווער עס וויל!

דער קעניג האָט צונויפגערופן אַ גרויסן עולם אויפן מאַרק־פּלאַץ בייצוואוווינען דעם געוועט. ווען די בת־מלכה איז שוין געשטאַנען גרייט צו לויפן, איז אָנגעקומען בליצשנעל און זיך אַוועקגעשטעלט לעבן איר. ביידע האָבן געוואַרט אויף דעם סיגנאַל. מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שאַל פון אַ טרומייט, און די בת־מלכה און בליצשנעל האָבן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן. זיי זיינען געלאָפן אַזוי שנעל, אַז ס׳האָט אַזש געשווינדלט פאַר די אויגן. אַ ווײַלע שפּעטער האָט בליצשנעל שוין געהאַט אַריבערגעיאָגט די בת־מלכה, און ער איז דער ערשטער אָנ־געקומען אויפן באַשטימטן פּלאַץ.

דער עולם איז אַזש ווילד געוואָרן פון באַגייסטערונג. מען האָט געפּאַטשט בראַוואָ און נישט אויפגעהערט צו שרייען:

— בראַוואָ בליצשנעל!

— הוראַ בליצשנעל!

— לאַנג לעבן זאָל בליצשנעל!

די בת־מלכה האָט זיך אַזוי פאַרשעמט, אַז זי איז אַזש רויט געוואָרן פון בושה. אָבער ווען דער קעניג האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו האַלטן זיין צוזאָג און איר חתונה מאַכן מיט דעם געווינער, האָט זי זיך געבעטן, אַז דער געוועט זאָל איבערגעחזרט ווערן. בליצשנעל איז געווען אַזוי זיכער, אַז ער וועט נאָך אַמאָל געווינען, אַז ער האָט איינגעוויליקט. און עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז דער צווייטער געוועט זאָל פאָרקומען פאַרנאַכט.

ז

ווען די בת־מלכה איז אַהיים געקומען, האָט זי זיך דורכגערעדט מיט איר פאָטער, וואָס צו טאָן, אַז בליצשנעל זאָל נאָך אַמאָל נישט געווינען דעם וועט. איז געבליבן, אַז די בת־מלכה זאָל נעמען אַ רינגל, אַריינטאָן אין דעם רינגל אַ פאַרכשופטן שטיין, אַזוי אַז דער וואָס וועט עס אָנטאָן, זאָל זיך נישט קאָנען אַ ריר טאָן פון אָרט.

זי האָט אַזוי געטאָן, און דאָס רינגל געשיקט כלומרשט ווי אַ מתנה צו בליצשנעל. ווען זי האָט אים געשיקט דאָס רינגל, האָט זי אים געלאָזט וויסן, אַז אויב ער האָט זי אויף אַן אמת ליב, זאָל ער טראָגן דאָס רינגל ביים לויפן.

האָזנאויער האָט געהערט אַלץ, וואָס די בת־מלכה און דער קעניג האָבן אָפּגערעדט. ער האָט אָבער באַשלאָסן, אַז דערווייל וועט ער מאַכן אַ שוויַיג וועגן דעם.

ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן, האָט דער עולם זיך ווידער פאַרזאַמלט אויפֿן מאַרק־פּלאַץ בײַצוזאָוויַינען דעם צווייטן געוועט. אַלץ איז דורכגעפירט געוואָרן פּונקט ווי דעם ערשטן מאָל. די בת־מלכה און בליצשנעל זיינען געשטאַנען איינס לעבן ס'אַנדערע און געוואַרט אויפֿן סיגנאַל.

ווען עס האָט זיך דערהערט דער שאַל פון טרומייט, האָט די בת־מלכה זיך אַ לאָז געטאָן פייל־אויסן־בויגן, אָבער בליצשנעל האָט זיך נישט געקאָנט אַ ריר־טאָן פון אָרט. דעמאָלט האָט האָזנאויער עפּעס אַריינגעשושקעט שיסגוטן אין אויער אַריין, און שיסגוט האָט אין דער זעלבער רגע אויסגעשאָסן אַ פייל. די פייל האָט געטראָפן אין דעם רינגל, וואָס בליצשנעל האָט געטראָגן, און אַרויסגעזעצט דעם פאַרכשופטן שטיין. ווי נאָר דאָס איז געשען, האָט בליצשנעל זיך אַ לאָז געטאָן נאָך דער בת־מלכה, און ער איז געלאָפן מיט אַזאַ שנעלקייט, אַז זיינע פיס האָבן קוים אָנגערירט די ערד. אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער זי אַריבערגעיאָגט און געוואונען דעם געוועט.

ח

די בת־מלכה איז אַוועק אַהיים א וויַינענדיקע און געזאָגט, אַז זי וועט ליבערשט שטאַרבן איידער חתונה האָבן מיט בליצשנעלן. אָבער אַזוי ווי דער קעניג האָט נישט געוואָלט ברעכן זיין וואָרט, האָט

ער זיך באַראַטן מיט זיינע ראַטגעבער וואָס צו טאָן. די ראַטגעבער האָבן אים געראָטן, אַז אָנשטאָט זיין טאַכטער, זאָל ער אָנבאָטן בליצ־שנעלן אַ זעקל מיט גאָלד און זילבער.

ווען דער קעניג האָט דאָס פאָרגעלייגט בליצשנעלן, האָט ער גע־זאָגט, אַז צוערשט מוז ער זיך באַראַטן מיט זיינע חברים. שפּעטער איז ער צוריקגעקומען און געזאָגט :

— איך בין וויליק צו נעמען גאָלד און זילבער, אָבער נישט קיין זעקל. איך וויל מער.

— וויפיל ווילסטו ? — האָט דער קעניג אים געפרעגט.

— איך וויל אַזוי פיל גאָלד און זילבער, וויפיל מיין חבר רוקנ־קראַפט וועט קאָנען טראָגן אויף זיינע פּלייצעס.

דער קעניג האָט זיך ווידער באַראַטן מיט זיינע ראַטגעבער. די ראַטגעבער האָבן זיך אויסגעלאַכט, און געזאָגט צום קעניג, אַז ער מעג איינוויליקן, ווייל רוקנקראַפט וועט סיי ווי מער ווי אַ זעקל מיט גאָלד און זילבער נישט קאָנען טראָגן אויף זיינע פּלייצעס. ווען דער קעניג האָט אַרויפגעלייגט דאָס זעקל מיט גאָלד און זילבער אויף רוקנקראַפטס פּלייצע, האָט רוקנקראַפט געזאָגט :

— איך קאָן טראָגן נאָך !

האָט דער קעניג אַרויפגעלייגט נאָך אַ זעקל מיט גאָלד און זיל־בער אויף זיין פּלייצע, און רוקנקראַפט האָט ווידער געזאָגט :

— איך קאָן טראָגן נאָך !

דער קעניג האָט געהייסן ברענגען זעק מיט רענדלעך, קאַסטנס מיט קרוינען, און דאָס אַלץ אַרויפגעלייגט אויף רוקנקראַפטס פּלייצע. אָבער רוקנקראַפט האָט נאָך אַלץ געזאָגט :

— איך קאָן טראָגן נאָך !

האָט דער קעניג באַפוילן צו אַלע סוחרים פון שטאָט, זיי זאָלן ברענגען זייער געלט, און די פרויען האָט ער באַפוילן, זיי זאָלן ברענגען זייערע גאָלדענע אויריננגלעך און בראַסלעטן, די זילבערנע לייכטער, טאַצן און פושקעס, און דאָס אַלץ אַרויפגעלייגט אויף רוקנקראַפטס פלייצע. אָבער רוקנקראַפט האָט נישט אויפגעהערט צו זאָגן:

— איך קאָן טראָגן נאָך!

עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, ביז דעם קעניגס אַלע שאַנק־קאַמערן זיינען אויסגעליידיגט געוואָרן, און ביז אַלע איינוואוינער פון לאַנד האָבן שוין מער קיין פיצל גאָלד און זילבער נישט געהאַט. ווען נאַרדאַ האָט געהערט, אַז מער קיין גאָלד און זילבער איז אין דעם לאַנד נישט פאַרבליבן, האָט ער אַ וואונק געטאָן צו זיין אַנגעלאָדענעם חבר, און רוקנקראַפט האָט זיך געלאָזט גיין מיט דעם אוצר אויף זיינע פלייצעס.

ט

דער קעניג און זיינע ראַטגעבער האָבן זיך געכאַפּט, אַז זיי זיינען מיאוס אַריינגעפאַלן. נאָך אַ לאַנגער באַראַטונג האָבן די ראַטגעבער געראַטן דעם קעניג, ער זאָל נאָכשיקן אַ צאָל פון זיינע מענטשן, זיי זאָלן צוריקנעמען דאָס גאָלד און זילבער. דער קעניג האָט געשיקט רופן זיינע בעסטע רייטער און פוסגייער, זיי מיטגעגעבן אַ סך געווער און זיי אַרויסגעשיקט נאָך די יינגלעך.

האָזנאויער האָט נאָך פריער געהערט וואָס דער קעניג האָט באַשלאָסן, און ווען ער האָט דאָס דערציילט זיינע חברים, האָט בלאָזשטאַרק זיך אויסגעדרייט מיטן פנים אויף צוריק, און געזאָגט:

— זאָלן זיי קומען! איך וועל זיי ווייזן!

אַ ווײַלע שפּעטער האָבן זיך באַוויזן דעם קעניגס רײַטער און פוסגייער. בלאָזשטאַרק האָט אַרײַנגעצויגן אַ טיפן אָטעם, אָנגעפּויִשט זײַנע באַקן, און גענומען בלאָזן מיט אַזאַ כּוח, אַז די פערד האָבן זיך איבערגעקערט אינאיינעם מיט די רײַטער, און די פוסגייער האָבן גענומען פליען ווי שטיקלעך פּאַפּיר.

ווען די יינגלעך זענען פּטור געוואָרן פון זייערע שונאים, האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט פריידן און געזאַנג. אַזוי זיינען זיי געגאַנגען עטלעכע טעג, ביז זיי זיינען אָנגעקומען צו נאָרדאָס פאָטער.

— אָט דאָס האָב איך איינגעהאַנדלט! — האָט נאָרדאָ געזאָגט צו זיין פאָטער, און געוויזן אויף דעם אוצר מיט גאָלד און זילבער.

— מיט וואָס האָסטו דאָס איינגעהאַנדלט? — האָט זיין פאָטער אים געפרעגט.

— מיט מיין שכל! — האָט נאָרדאָ שטאָלץ געענטפערט.

דער פאָטער האָט אַיינגעזען, אַז ער האָט טאַקע גוט געטאָן, וואָס ער האָט נאָרדאָן אַרויסגעשיקט איבער דער וועלט האַנדלען מיט מענטשן.

נאָרדאָ האָט אַיינגעטיילט דעם אוצר צווישן זיך און זיינע חברים, און אַלע זיינען געווען צופרידן.

***

ווען די קורצע טאָלא האָט געענדיקט איר מעשה, זיינען אַלע געבליבן זיצן פאַרגאַפטע. איטלעכער האָט זיך געוואונדערט, וואָס אַזאַ שוטה ווי נאָרדאָ האָט געקאָנט האַנדלען אַזוי קלוג.

דערנאָך האָט דער פּרינץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די קאָסאָקע פאָלא זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשה.

די דריי לימענעס

א

און די קאָסאָקע פּאָלאַ האָט דערציילט:

אַמאָל איז געווען אַ רייכער סוחר, האָט ער געהאַט אַ זון מיט דעם נאָמען אָרלאַנדאָ. דער זון איז אים געווען זייער טייער, און ער האָט אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג ווען ער זאָל חתונה האָבן און אים שענקען אַן אייניקל. אָבער אָרלאַנדאָ איז געווען אַ גרויסער עקשן, און זיין פאָטער האָט אים נישט געקענט צוקלייבן קיין ווייב, וואָס זאָל אים געפעלן.

איינמאָל איז אָרלאַנדאָ געזעסן מיט זיין פאָטער ביים טיש און גע־געסן קעז. ווענלדיק אָפּשניידן אַ שטיקל קעז, האָט ער זיך פאַר־שניטן אַ פינגער, און צוויי טראָפּנס בלוט זיינען געפאַלן אויפן קעז. דאָס בלוט האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם קעז, און עס איז פון דעם אַרויסגעקומען אַ וואונדערלעכער קאָליר פון ווייס און רויט. רופט זיך אָפּ אָרלאַנדאָ צו זיין פאָטער:

— אויב דו ווילסט איך זאָל חתונה האָבן, געפין מיר אַ ווייב, וואָס זאָל זיין פונקט אַזוי רויט און ווייס ווי דאָס שטיקל קעז וואָס איז באַפלעקט געוואָרן מיט מיין בלוט. טאָמער קריג איך ניט אַזאַ ווייב, וועל איך שטאַרבן!

דערהערט דאָס, האָט דער פאָטער זיך שטאַרק דערשראָקן, און געזאָגט צו זיין זון:

— ווייסטו וואָס, מיין זון? איך וועל דיר געבן אַ זעקעלע מיט רענדלעך און לאָז זיך אַרויס איבער דער וועלט. גיי פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד, ביז דו וועסט געפינען אַזאַ ווייב ווי דו ווילסט.

אָרלאַנדאָ האָט איינגעוויליקט, און ער האָט זיך געלאָזט איבער דער וועלט.

ב

אָרלאַנדאָ איז געגאַנגען איבער בערג און טאָלן, איבער וועלדער און פעלדער, ביז ער איז אָנגעקומען צו אַ הייל. אין דער הייל האָט געוואוינט אַן אַלטע, איינגעהויקערטע כישופמאַכערן. ווען אָרלאַנדאָ האָט איר דערציילט וואָס ער זוכט, האָט זי אים אויפגענומען זייער פריינדלעך, און אים געגעבן עסן ניס און פייגן.

אָרלאַנדאָ איז געווען זייער צופרידן פון דער פריינדלעכער אויפ־נאַמע. ווען ער האָט אויפגעגעסן די ניס און פייגן, האָט די אַלטע כישופמאַכערן אים געגעבן דריי לימענעס, און געזאָגט:

— נעם די דריי לימענעס און קער זיך אום צוריק אַהיים. גיי אַזוי לאַנג, ביז דו וועסט צוקומען צו אַ ברונים. דאָרט זאָלסטו צע־שניידן די ערשטע לימענע. באַלד וועט זיך באַווייזן פאַר דיר אַ וואונ־דערשיינע פייע, און זי וועט בעטן ביי דיר אַ טרונק וואַסער. טאָמער דערלאַנגסטו איר ניט אַ טרונק וואַסער אין צייט, און זי פאַרשווינדט,

זאָלסטו צעשניידן די צווייטע לימענע. און טאָמער טרעפט דאָס זעל־בע ביי דער צווייטער לימענע, זאָלסטו צעשניידן די דריטע. ביי דער דריטער לימענע זאָלסטו זיך שוין גוט היטן, אַז די דריטע פייע זאָל ניט פאַרשווינדן.

ג

אָרלאַנדאָ האָט באַדאַנקט דער כישופמאַכערן פאַר דער פריינדלעכער אויפנאַמע און פאַר די דריי לימענעס, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

ער איז אָפּגעגאַנגען צוויי מעת־לעת, געקלעטערט איבער הויכע בערג, זיך געדראַפּעט איבער שפּיציקע פעלזן, געשוואומען איבער טייכן און זיך געראַנגלט מיט ווילדע שטורעמס, ביז ער איז ענדלעך צוגעקומען צו אַ ברונים. דערזען דעם ברונים, האָט ער צעשניטן די ערשטע לימענע, און עס איז געשען פּונקט ווי די כישופמאַכערן האָט געזאָגט. עס האָט זיך באַוויזן אַ וואונדערשיינע פייע, וואָס איז געווען ווייס ווי מילך און רויט ווי ווײַנשל.

— גיב מיר אַ טרונק — האָט די פייע געזאָגט.

אָרלאַנדאָ איז געווען אַזוי איבעררעאַשט, אַז ער האָט אפילו ניט געהערט וואָס זי זאָגט. ווען ער האָט זיך ענדלעך געכאַפּט וואָס זי וויל, איז זי שוין געווען פאַרשוואונדן.

האָט ער זיך דערמאָנט וואָס די כישופמאַכערן האָט אים אָנגעזאָגט, און ער האָט צעשניטן די צווייטע לימענע. ווידער האָט זיך באַוויזן אַ וואונדערשיינע פייע, און אויך זי איז פאַרשוואונדן נאָך איידער ער האָט איר דערלאַנגט אַ טרונק. ביי דער דריטער לימענע

איז ער שוין געווען זייער פּאַרזיכטיק. צוערשט האָט ער אָנגעגרייט אַ קענדעלע וואַסער, און ערשט דערנאָך צעשניטן די לימענע. עס האָט זיך באַוויזן אַ דריטע פֿייע, פּונקט אַזאַ וואונדערשיינע ווי די אַנדערע צוויי, און ווי נאָר זי האָט געבעטן אַ טרונק וואַסער, האָט אָרלאַנדאָ גלייך איר דערלאַנגט דעם טרונק. זי איז געבליבן שטיין לעבן אים, און ערשט איצט האָט אָרלאַנדאָ זי גוט באַטראַכט. זי איז געווען אַזוי שיין, אַז זי האָט אים אַזש פֿאַרבלענדט מיט איר שיינקייט.

— מיין באַשערטע! — האָט ער צו איר געזאָגט. — איך וועל דיך נעמען צו מיין פֿאָטער און מיר וועלן חתונה האָבן. אָבער איידער איך ברענג דיך צו מיין פֿאָטער, וועל איך דיך אָנטאָן אין די שענסטע קליידער, ווי עס פּאַסט פֿאַר אַזאַ שיינהייט ווי דו.

ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ דערבייאיקן בוים, און געזאָגט:

— גיי אַרויף אויפֿן בוים און וואַרט ביז איך וועל זיך אומקערן מיט די קליידער פֿאַר דיר.

די פֿייע האָט געפֿאָלגט, און אָרלאַנדאָ האָט זיך געלאָזט לויפֿן אַהיים פֿייל־אויסן־בויגן.

ד

דערווייל האָט געטראָפֿן, אַז אַ נעגערטע איז געקומען צום ברונים אָנשעפּן אַ קריגל וואַסער פֿאַר איר באַלעבאָסטע. אַזוי ווי די פֿייע איז געזעסן אויפֿן בוים פּונקט איבער דעם ברונים, האָט זיך איר שיין פּנים אָפּגעשפּיגלט אינעם וואַסער. ווען די נעגערטע האָט זיך אַריבער־

געבויגן אָנשעפּן אַ קריגל וואַסער און דערזען דאָס שיינע פּנים, האָט זי געמיינט אַז דאָס איז איר אייגן פּנים.

— זע נאַר! — האָט די נעגערטע צו זיך געזאָגט. — ערשט איצט זע איך ווי שיין איך בין! טאָ פאַרוואָס זאָל אַזאַ שיין מיידל ווי איך דאַרפן זיין אַ דינסט? ניין, מער וועל איך קיין דינסט ניט זיין!

זי האָט צעבראָכן דאָס קריגל און זיך געלאָזט גיין צו איר באַלעבאָסטע.

— וואו איז דאָס קריגל? — האָט די באַלעבאָסטע זי געפרעגט.

— עס איז אַראָפּגעפאַלן און זיך צעבראָכן, — האָט די דינסט געענטפערט.

די באַלעבאָסטע האָט זיך אויף איר גוט צעשריען, איר געגעבן אַ הילצערנע קאַן און איר געהייסן ווידער גיין צום ברונים.

ווען די שוואַרצע דינסט איז געקומען צום ברונים און נאָך אַמאָל דערזען דאָס שיינע פּנים אינעם וואַסער, האָט זי ווידער אויסגערופן מיט צאָרן:

— ניין! טויזנט מאָל ניין! אַזאַ שיין מיידל ווי איך דאַרף קיין דינסט ניט זיין!

זי האָט אַ וואָרף געטאָן די הילצערנע קאַן צו דער ערד און זי גענומען טרעטן מיט די פיס.

די שיינע פייע, וואָס איז געזעסן אויפן בוים און דאָס אַלץ צוגעזען, האָט זיך שוין מער ניט געקאָנט איינהאַלטן, און זיך צעלאַכט הויך אויפן קול. ווען די נעגערטע האָט דערזען די שיינע פייע, האָט זי אַלץ פאַרשטאַנען, און אויסגערופן מיט כעס:

— אַזוי! צוליב דיר האָב איך זיך נאַריש געמאַכט! וואָס טוסטו אויפן בוים?

די פייע האָט איר דערציילט אַלץ וואָס מיט איר איז געשען. ווען די נעגערטע האָט דאָס געהערט, איז איר איינגעפאַלן אָפּצוטאָן אַ שפּיצל.

— ווייסט וואָס, מיין טייערע? — האָט זי כלומרשט זיס אַ זאָג געטאָן צו דער שיינער פּייע. — איך וועל אַרויפקומען אויפן בוים און דיך שיין פאַרקעמען, אַזוי אַז דו וועסט נאָך מער געפעלן דיין באַשערטן.

די פּייע איז געווען זייער צופרידן, און האָט זי געבעטן אַרויפקומען. די נעגערטע האָט פאַנאַנדערגעפלאָכטן דער פייעס האָר, און זי גענו־מען פאַרקעמען. פּלוצים האָט זי איר אַ שטאָך געטאָן מיט אַ האָר־נאָדל. די פייע האָט פון ווייטיק אַ קוויטש געטאָן, און אויסגערופן:

— טייבעלע! טייבעלע!

אין דער רגע איז די פייע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ טייבעלע, און אַוועקגעפלויגן פון בוים.

ה

ווען אָרלאַנדאָ האָט זיך צוריקגעקערט און דערזען די נעגערטע זיצן אויפן בוים, איז ער שטאַרק פאַרוואונדערט געוואָרן.

— וואונדער זיך ניט, מיין טייערער — האָט די כיטרע נעגערטע צו אים געזאָגט. — מען האָט מיר אַ כישוף אָפּגעטאָן און איך בין שוואַרץ געוואָרן.

אָרלאַנדאָ האָט געטראַכט, אַז מסתמא איז אים אַזוי באַשערט. ער האָט איר געהייסן אַראָפּגיין פון בוים און אָנטאָן די שיינע קליידער, וואָס ער האָט געבראַכט. דערנאָך איז ער מיט איר אַוועק אַהיים.

ווען אָרלאַנדאָס פֿאָטער האָט געזען וואָס פֿאַר אַ ווייב זיין זון האָט זיך אויסגעקליבן, איז אים פֿינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט אָבער געמוזט האַלטן וואָרט. און מען האָט גענומען זיך גרייטן צו דער חתונה.

ו

בשעת דער קוכער איז געשטאַנען אין קיך און צוגעגרייט די שיינע חתונה־וועטשערע, איז פּלוצים אַריינגעפֿלויגן אַ ווייס טייבעלע. איז אים איינגעפֿאַלן, אַז ער וועט כאַפּן דאָס טייבעלע און עס אָפּקאָכן לכבוד אָרלאַנדאָס חתונה. ער האָט געכאַפּט דאָס טייבעלע, עס געשאָכטן, אָפּגעפּליקט און אַרויסגעוואָרפֿן די פֿעדערן דורכן פֿענצטער. די פֿעדערן פֿון דעם טייבעלע זיינען געפֿאַלן אין גאָרטן און אויף מאָרגן, נאָך דער חתונה, איז דער גערטנער אַריינגעקומען און געזאָגט, אַז אין גאָרטן איז פּלוצים אויסגעוואָקסן אַ ביימעלע מיט אַ לימענע.

אַלע זיינען אַרויסגעגאַנגען אָנקוקן דעם וואונדער. ווען אָרלאַנדאָ האָט דערזען די לימענע, האָט ער זי אָפּגעריסן, אַריינגענומען צו זיך אין צימער און זי צעשניטן. אין דער זעלביקער רגע האָט זיך באַוויזן פֿאַר אים די וואונדערשיינע פֿייע וואָס ער האָט געזען ביים ברונים. די פֿייע האָט אים דערציילט אַלץ וואָס מיט איר איז געשען, און ווי אַזוי די נעגערטע האָט זי אָפּגענאַרט.

אָרלאַנדאָ איז געווען אַזוי גליקלעך וואָס זיין באַשערטע איז ווידער מיט אים, אַז ער האָט שוין אַפֿילו פֿאַרגעסן צו ווערן אין כעס

אויף דער נעגערטע, וואָס איז דורך אַ שווינדל געוואָרן זיין ווייב. אָבער ווען זיין פֿאָטער האָט דערהערט די געשיכטע, איז ער אַזש געוואָרן ווילד פֿון צאָרן. ער האָט באַפֿוילן, אַז מ׳זאָל גלייך בטל מאַכן די חתונה און באַשטראָפֿן די נעגערטע.

אויף מאָרגן האָט מען געפּראַוועט די חתונה פֿון אָרלאַנדאָ מיט דער וואונדערשיינער פֿייע. אַלע האָבן זיך שטאַרק געפֿרייט, און אָרלאַנדאָ איז געווען אַזוי גוט אויפֿן האַרצן, אַז ער האָט גע־פּועלט ביי זיין פֿאָטער, מ׳זאָל די נעגערטע ניט באַשטראָפֿן, נאָר זי אַהיים שיקן.

ווען דער פֿאָטער האָט געזען וואָס פֿאַר אַ גוט האַרץ זיין זון פֿאַרמאָגט, איז זיין אייגן האַרץ אויך ווייכער געוואָרן, און ער האָט די נעגערטע באַפֿרייט.

*
**

ווען די קאַסאָקע פּאָלא האָט פֿאַרענדיקט איר מעשׂה, זיינען אַלע געווען צופֿרידן מיט אָרלאַנדאָס גליק, און מער פֿון אַלץ מיט דעם, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גוט האַרץ.

דערנאָך האָט דער פּרינץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די פֿליכעוואַטע ביטא זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשׂה.

די קלוגע קאַץ

א

און די פּליכעוואַטע ביטאַ האָט דערציילט:

אַמאָל האָט געלעבט אַ מאַן, איז ער געווען אַזוי אָרעם, אַז ער האָט אפילו קיין שטיקל מלבוש אויף זיין לייב נישט געהאַט. איינמאָל, ווען ער האָט דערפילט, אַז זיינע טעג זיינען שוין געציילטע און אַז ער וועט באַלד שטאַרבן, האָט ער צוגערופן זיינע צוויי זין, אַראַמעלאַ און פּיפּאַ, און צו זיי געזאָגט:

— קינדער, באַלד וועל איך שטאַרבן. אָבער איידער איך פאַרלאָז אייך, וויל איך אייך אַיינטיילן מיין ירושה. קיין סך קאָן איך אייך נישט איבערלאָזן, ווייל איך בין זייער אָרעם. דיר, אַראַמעלאַ, לאָז איך איבער די זיפּ, וואָס הענגט אויף דער וואַנט. די זיפּ וועט דיר העלפן קריגן אַרבעט און פאַרדינען אויף צו לעבן. און דיר, פּיפּאַ, לאָז איך איבער די קאַץ. גיב גוט אַכטונג אויף איר און פאַרגעס נישט דיין טאַטן.

ווען ער איז געשטאָרבן, האָט אַראַמעלאַ זיך אַרויסגעלאָזט מיט דער זיפּ און טאַקע פאַרדינט אויף זיין חיונה. פּיפּאַ איז אָבער געווען אויף גרויסע צרות. נישט גענוג וואָס ער אַליין האָט נישט

געהאַט וואָס צו עסן, האָט ער נאָך באַדאַרפט שפּייזן די קאַץ אויך. איז אים טאַקע געווען זייער שלעכט אויפן האַרצן. ער פלעגט אַרומגיין אַ פאַרזאָרגטער און פאַרביטערטער, און געהאַלטן אין איין קלאָגן:

— פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ ביטער מזל?

ווען די קאַץ האָט געהערט ווי ער קלאָגט, האָט זי צו אים געזאָגט:

— פּיפּאָ, דו קלאָגסט אומזיסט, ווייל אין דער אמתן האָסטו אַ סך מער מזל ווי דו מיינסט. דו ווייסט גאָר אַליין נישט ווי גוט דיר איז. אָט וועסטו זען ווי רייך איך וועל דיך מאַכן.

פּיפּאָ איז געווען גליקלעך דאָס צו הערן. ער האָט צוגעדריקט די קאַץ צו זיין האַרצן, און זי געפרעגט:

— זאָג מיר, טייער קעצעלע, ווי אַזוי וועסטו מיך רייך מאַכן?

— אָט וועסטו זען — האָט די קאַץ געזאָגט. — דו האָב נאָר אַביסל געדולד.

ב

די קאַץ איז אַוועק צום טייך, געכאַפּט אַ פיש און אים אַוועקגעטראָגן צום קעניג.

— קעניג — האָט די קאַץ געזאָגט — מיין האַר פּיפּאָ האָט דיר געשיקט דעם פיש אַ מתנה.

דער קעניג איז געווען זייער צופרידן, און זיך אָנגערופן צו דער קאַץ:

— זאָג דיין האַר, אַז איך דאַנק אים זייער פאַר דער מתנה.

אַ צווייטן מאָל איז די קאַץ אַוועק אין וואַלד אַריין, געכאַפּט אַ נאַכטיגאַל און אים אויך געבראַכט צום קעניג. אַזוי האָט זי גע־טאָן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, אַלעמאָל געבראַכט דעם קעניג עפּעס אַנדערש און געזאָגט, אַז דאָס האָט פּיפּאָ אים געשיקט.

איינמאָל האָט דער קעניג געזאָגט צו דער קאַץ :

— דיין האַר איז זייער אַ גוטער מענטש. איך וואָלט אים וועלן זען און אים באַלוינען פאַר די שיינע מתנות, וואָס ער שיקט מיר.

די קאַץ האָט דערויף געענטפערט :

— קעניג, מיין האַר פּיפּאָ איז דיר זייער געטריי און ער וואָלט גערן אַפילו זיין לעבן אַוועקגעגעבן פאַר דיר. מאָרגן וועל איך אים ברענגען.

ג

אויף מאָרגן איז די קאַץ געקומען צום קעניג, און געזאָגט :

— קעניג, מיין האַר בעט דיך, דו זאָלסט אים מוחל זיין וואָס ער האָט נישט געקאָנט קומען צו דיר. נעכטן אויפדערנאַכט האָבן זיינע דינער אים באַרויבט פון אַלע זיינע טייערע קליידער און אים איבערגעלאָזט אָן אַ העמד אויף זיין לייב.

ווען דער קעניג האָט דאָס דערהערט, האָט ער באַפוילן זיינע דינער, זיי זאָלן צונויפפּאַקן אַ צאָל שיינע קליידער און זיי אָפּשיקן צו דעם גוטהאַרציקן פּיפּאָ. פּיפּאָ האָט זיך אָנגעטאָן אין די שיינע קעניגלעכע מלבושים און נאָך איידער די זון האָט זיך געזעצט, איז ער געקומען צום קעניג אין דער באַגלייטונג פון זיין קלוגער קאַץ. דער קעניג האָט אים אויפגענומען זייער פריינדלעך, באַשטעלט אַ

שיינע וועטשערע און געזעצט פּיפּאָן לעבן אים. די קאַץ איז אויך געזעסן ביים טיש און זיך משמח געווען גלייך מיט אַלעמען.

בשעת זיי האָבן געגעסן, האָט פּיפּאָ שטילערהייט אַ זאָג גע־טאָן צו דער קאַץ:

— מיין טייער קעצל, איך האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן אַזאַ מאָלצייט נישט געגעסן. איך בין אַזוי גליקלעך, אַז איך וויל זיך אַזש צעוויינען.

— שטילער! — האָט די קאַץ אים אַ שלעפּ געטאָן ביים אַרבל.

— רעד נישט אַזעלכע קבצנישע רייד.

ווען דער קעניג האָט באַמערקט, אַז זיי שושקען זיך, האָט ער אַ פרעג געטאָן די קאַץ:

— וואָס זאָגט דיין האַר?

— ער זאָגט, אַז אים געפעלן זייער שטאַרק די לימענעס, וואָס מען האָט דערלאַנגט צום טיש — האָט די קאַץ קלוג געענטפערט.

דער קעניג האָט באַלד באַפוילן זיינע דינער, זיי זאָלן אַרויס־גיין אין גאָרטן און ברענגען פאַר פּיפּאָן אַ גאַנצן קויש מיט לימענעס. פּיפּאָ האָט געדאַנקט דעם קעניג פאַר די לימענעס און איז אַוועק אַהיים.

ד

די קאַץ איז געבליבן ביים קעניג און אים געהאַלטן אין איין דערציילן ווי קלוג און רייך איר האַר פּיפּאָ איז. זי האָט אויסגע־רעכנט וויפל שאָף און פערד און לענדערייען ער פאַרמאָגט איבערן גאַנצן לאַנד.

דער קעניג איז געווען דערשטוינט דאָס צו הערן. אים האָט זיך קוים געגלויבט, אַז אַ מענטש זאָל זיין אַזוי רייך ווי פּיפּאָ. ווען די קאַץ האָט געזען, אַז דער קעניג צווייפלט אין אירע רייד, האָט זי צו אים געזאָגט:

— קעניג, דו דאַרפסט מיר נישט גלויבן אויפן וואָרט. שיק מיט מיר עטלעכע פון דיינע דינער און זיי וועלן זיך איבערצייגן, אַז וואָס איך זאָג איז אמת.

דער קעניג האָט אַריינגערופן עטלעכע פון זיינע פאַרטרוילעכע דינער און זיי באַפוילן צו גיין מיט דער קאַץ און אויסגעפינען צי פּיפּאָ איז טאַקע אַזוי רייך ווי זי זאָגט.

די קאַץ האָט זיך אַרויסגעלאָזט מיט דעם קעניגס דינער, און זיי זיינען אָפּגעגאַנגען אַ שטיק וועג. פּלוצים האָט די קאַץ צו זיי אַ זאָג געטאָן, אַז זי דאַרף ערגעץ כאַפּן אַ פּאָר מייזלעך און אַז זי מוז זיך אַ יאָג טאָן אַהין איידער די מייזלעך אַנטלויפן. האָבן די דינער איר געהייסן אַוועקלויפן כאַפּן די מייזלעך און זיי וועלן דערווייל איר נאָכגיין פּאַוואָליע.

אָט דאָס האָט טאַקע די קאַץ געוואָלט.

ה

זי האָט זיך געלאָזט לויפן איבער די פעלדער, און וואו זי האָט אָנגעטראָפן אַ סטאַדע שאָף, אָדער א מחנה פערד, האָט זי געזאָגט צו די פּאַסטעכער און וועכטער:

— היט זיך, מיינע פריינט! עס גייט אַרום איבערן לאַנד אַ

באַנדע גנבים און זיי גנבענען אַלצדינג אַוועק! אויב איר ווילט זיי זאָלן אַייך נישט באַגנבענען, זאָלט איר זיי זאָגן, אַז אַלץ וואָס איר פאַרמאָגט געהערט צו דעם לאָרד פּיפּאָ, ווייל לאָרד פּיפּאָ איז אַ ריז און אַלע ציטערן פאַר אים.

דאָס זעלבע האָט די קאַץ געזאָגט אויך צו אַלע לאַנד־באַזיצער, וואָס זי האָט אָנגעטראָפן אויף איר וועג. אַלע זיינען איר געווען זייער דאַנקבאַר פאַר דער פריינטלעכער וואָרנונג, און ווען דעם קעניגס דינער זיינען אונטערגעקומען, האָבן זיי פון אַלעמען געהערט, אַז אַלץ געהערט צו פּיפּאָן.

די דינער זיינען ענדלעך מיד געוואָרן פון אַזוי פיל גיין. זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז פּיפּאָס עשירות האָט גאָר קיין גרעניץ נישט און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז ס'איז שוין צייט זיך אומצוקערן צום קעניג און אים דאָס אַלץ איבערגעבן.

ווען דער קעניג האָט דאָס געהערט, האָט ער געהייסן רופן די קאַץ און צו איר געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג געזוכט אַזאַ רייכן חתן פאַר זיין שיינער טאָכטער. דער קעניג האָט געבעטן די קאַץ, אַז זי זאָל זיך באַמיען דורכצופירן דעם שידוך צווישן איר האַר פּיפּאָ און זיין טאָכטער, און אויב דאָס וועט איר געלינגען, וועט ער איר שענקען זייער אַ טייערע מתנה.

די קאַץ האָט זיך כלומרשט אַ קרים געטאָן און געזאָגט, אַז ווי ווייט זי ווייסט וויל איר האַר נאָך נישט חתונה האָבן, אָבער פונדעסטוועגן וועט זי זען וואָס זי קאָן טאָן. דער קעניג איז צוגעשטאַנען און זי נאָך אַמאָל געבעטן.

— מאָרגן וועל איך דיר ברענגען אַן ענטפער — האָט די קאַץ געזאָגט צום קעניג.

זי איז גלייך אַהיים געלאָפן אָנזאָגן פּיפּאָן די גוטע בשורה. זי איז אַזוי געלאָפן און געשפּרונגען, אַז אַלע שלאַנגען אין גראָז, אַלע קראָליקלעך און אַלע ווערעמלעך אין פעלד זיינען זיך צעלאָפן פון שרעק.

אויף מאָרגן איז שוין פּיפּאָ געזעסן זייט ביי זייט מיט דער שיי-נער בת-מלכה, און געווען גליקלעך וואָס ער האָט חתונה געהאַט מיט איר. די חתונה האָט אָנגעהאַלטן דריי טעג און דריי נעכט נאָכ-אַנאַנד, און די קאַץ איז געווען די הויפּט מחותנתטע אויף דער חתונה.

***

אַלע זיינען געזעסן פאַרגאַפט פון דער וואונדערלעכער מעשה, און איטלעכער איז מקנא געווען דעם אָרעמען פּיפּאָ, וואָס אים איז באַשערט געווען צו קריגען אַ ירושה אַזאַ קלוגע קאַץ.

דערנאָך האָט דער פּרינץ אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז די לעצטע מעשה-דערציילערן, די ברייט-פּליי-ציקע זשאקאָווא, זאָל אָנהויבן דערציילן איר מעשה.

דאָס ווינטש־פינגערל

א

אַון די ברייט־פּלייציקע זשאַקאָווא האָט דערציילט:

אַמאָל האָט געלעבט אַ בעטלער, וואָס פלעגט אַרומגיין אי־בער די הייזער און בעטלען אַ שטיקל ברויט. זיין פרוי איז אים גע־שטאָרבן, און ער איז געבליבן מיט אַ קינד, אַ מיידעלע. אין אָוונט פלעגט ער זיך אומקערן פון זיין בעטלען און אהיימברענגען פאַרדאַר־טע שטיקלעך ברויט פאַר זיין הונגעריק מיידעלע. פלעגן זיי זיךביי־דע אַוועקזעצן עסן די פאַרדאַרטע שטיקלעך ברויט און זיך לייגן שלאָפן פונקט אַזוי הונגעריק ווי פריער.

איינמאָל איז ער צוגעקומען צו אַ הויז, וואו עס האָבן געוואוינט גוטהאַרציקע מענטשן, און אַנשטאָט אַ פאַרדאַרט שטיקל ברויט, האָבן זיי אים געשאָנקען אַ הון. דער בעטלער איז געווען איבערגליקלעך. ער האָט אַהיים־געבראַכט די הון, און געזאָגט צו זיין מיידעלע:

— איצט וועלן מיר שוין מער ניט הונגערן. די הון וועט לייגן איי־ער און מיר וועלן האָבן וואָס צו עסן.

און אַזוי איז געווען. די הון פלעגט יעדן טאָג לייגן אַן איי, און

דער בעטלער מיט זיין מיידעלע פלעגן זיך ממש באַלעקן ביים עסן דאָס איי. פאַר זיי איז דאָס שוין געווען אַ גרויסער מאָלצייט.

דערווייל האָט געטראָפן, אַז אין יענער שטאָט איז געווען אַן אַל־טע פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ ווינטש־פינגערל פון לויטער גאָלד. אַז זי האָט עפּעס געוואָלט, האָט זי נאָר באַדאַרפט צולייגן דאָס ווינטש־פינגערל צו די ליפּן און אַרויסשעפּטשען וואָס זי וויל, און באַלד איז איר ווּאונטש מקוים געוואָרן.

האָט אָבער איינמאָל געטראָפן, אַז די פרוי איז געגאַנגען אויפן מאַרק און פאַרלוירן דאָס ווינטש־פינגעל. זי האָט עס אַרומגעזוכט טעג און נעכט נאָכאַנאַנד און עס ניט געקאָנט געפינען. ווען זי איז שוין מיד געוואָרן פון זוכן, האָט זי באַשלאָסן, אַז מסתמא איז איר אַזוי באַשערט געווען, און זי האָט אויפגעהערט זוכן דאָס ווינטש־פינגערל.

ב

דער בעטלער האָט געוואוינט ניט ווייט פון דעם מאַרק. זיין הון פלעגט אָפט זיך אַוועקלאָזן אויפן מאַרק און אויפקלייבן פון דער ערד פאַרשידענע ברעקלעך און קערנדלעך, וואָס זי פלעגט דאָרט געפינען. איינמאָל, בשעת די הון איז אַרומגעגאַנגען אויפן מאַרק, האָט זי אַרויפגעטראָטן אויף דעם ווינטש־פינגערל, און דאָס ווינטש־פינגערל איז געבליבן שטעקן ביי דער הון אויפן פוס.

ווען די הון איז אַהיים געקומען און דער בעטלער האָט זי פאַרנאַכט אַריינגענומען אין שטוב, ווי ער פלעגט דאָס אַלע מאָל

טאָן, האָט ער דאָס ווינטש־פינגערל אויף דער הונס פוס ניט באַמערקט. זיין מיידעלע האָט עס אויך ניט באַמערקט. און אַזוי איז די הון אַ לאַנגע צייט אַרומגעגאַנגען מיט דעם גאָלדענעם ווינטש־פינגערל אויפן פוס און קיינער האָט פון דעם ניט געוואוסט.

ג

מיט אַ צייט שפּעטער, ווען די הון האָט אויפגעהערט צו לייגן אייער, האָט דער בעטלער געזאָגט צו זיין מיידעלע:

— וואָס טויג אונדז איצט די הון, אַז זי לייגט מער קיין אייער ניט? מיר וועלן זי קוילען און כאָטש האָבן וואָס צו עסן אויף עט־לעכע טעג. דאָס מיידעלע האָט אָבער זייער שטאַרק ליב געהאַט די הון און געבעטן איר טאַטן, ער זאָל זי ניט קוילען.

דעם בעטלער איז געפעלן געוואָרן וואָס זיין טעכטערל האָט אַזאַ גוט האַרץ, און ער האָט באַשלאָסן, אַז אַנשטאָט צו קוילען די הון, זאָל ער זי בעסער פאַרקויפן, און מיט דעם געלט קויפן שפּייז פאַר זיך און זיין קינד.

ער איז אַוועק מיט דער הון אויפן מאַרק, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין און אויסגערופן:

— אַ הון צום פאַרקויפן! ווער וויל קויפן אַ הון?

זיינען פאַרבייגעגאַנגען צוויי שוואַרץ־קינצלער און דאָס גע־הערט. ווען זיי האָבן גענומען די הון אין האַנט אַריין, האָבן זיי גלייך באַמערקט דאָס גאָלדענע ווינטש־פינגערל אויף דער הונס פוס. זיי

האָבן דאָס ווינטש־פינגערל גוט געקאָנט, ווייל די אַלטע פרוי, צו וועמען דאָס פינגערל האָט געהערט, איז געווען זייערע אַ קרובה.

די שוואַרץ־קינצלער האָבן זיך ניט געדונגען, און באַצאָלט דעם בעטלער וויפיל ער האָט פאַרלאַנגט. אָבער אַזוי ווי זיי האָבן באַדאַרפט ערגעץ צוגיין, האָבן זיי געבעטן דעם בעטלער, ער זאָל די הון אַהיימטראָגן צו זיי, און דאָרט וועט מען אים באַצאָלן.

דער בעטלער האָט געפאָלגט. דערווייל הערט ער, ווי די צוויי שוואַרץ־קינצלער שושקען זיך:

— אַזאַ גליק! — זאָגט איינער. — אונדז איז באַשערט געווען צו געפינען דאָס גאָלדענע ווינטש־פינגערל.

— אַזאַ נאַר! — זאָגט דער צווייטער אויפן בעטלער. — ער האָט אַזאַ אוצר מיט זיך און ער ווייסט עס ניט.

— איצט זיינען מיר די גליקלעכסטע מענטשן אויף דער וועלט! — זאָגט ווידער דער ערשטער שוואַרץ־קינצלער. — מיר וועלן אַראָפּנעמען דאָס ווינטש־פינגערל פון דער הונס פּיסל, עס צולייגן צו די ליפּן, אַרויסשעפּטשען א וואונטש, און אונדזער וואונטש וועט גלייך מקוים ווערן.

דער בעטלער האָט דאָס אַלץ געהערט. האָט ער באַשלאָסן, אַז אַנשטאָט אַוועקצוטראָגן די הון צו די שוואַרץ־קינצלער אַהיים, וועט ער זי אַליין האַלטן, ווייל איצט האָט ער שוין דאָס גאָלדענע ווינטש־פינגערל, און ער וועט שוין מער ניט דאַרפן בעטלען. און אַזוי האָט ער געטאָן.

ד

ווען זיין מיידעלע האָט דערזען דאָס ווינטש־פינגערל און גע־הערט די וואונדער, וואָס עס באַווייזט, איז זי געווען איבערגליקלעך.

דאָס מיידעלע האָט צוגעלייגט דאָס ווינטש־פינגערל צו די ליפּן, און צוערשט פאַרלאַנגט גוטע זאַכן צום עסן. אין דער זעלביקער רגע איז אויסגעוואָקסן אַ טיש מיט די בעסטע און שענסטע געריכטן.

אַז זיי זיינען שוין געווען זאַט, האָט דאָס מיידעלע פאַרלאַנגט שיי־נע קליידער פאַר זיך און פאַר איר פאָטער. אין דער זעלביקער רגע זיינען זיי שוין ביידע געשטאַנען אָנגעטאָן אין די טייערסטע קליי־דער. דערנאָך האָבן זיי פאַרלאַנגט אַ גרויסע שיינע שטוב, מעבל, שאַף, רינדער און אַנדערע גוטע זאַכן — און זיי האָבן דאָס אַלץ געקראָגן.

ווען דער בעטלער האָט געזען די וואונדער פון דעם ווינטש־פינגערל, האָט ער געטראַכט, אַז נאָך איין וואונטש וואָלט ער וועלן עס זאָל מקוים ווערן. ער האָט געוואָלט ווערן אַ שיינער און אַ יונ־גער, כדי מענטשן זאָלן אים ליב האָבן, און כדי ער זאָל נאָך קאָנען לאַנג לעבן און הנאה האָבן פון די גוטע זאַכן, וואָס דאָס ווינטש־פינ־גערל האָט אים געבראַכט.

ער האָט אַרויסגעשעפּטשעט דעם דאָזיקן וואונטש — און דאָס וואונדער איז געשען. זיין בלוט האָט אָנגעהויבן צו קאָכן און זידן אין אים, זיינע אברים זיינען אָנגעפילט געוואָרן מיט קראַפט, זיינע אויגן האָבן גענומען גלאַנצן מיט אַ סך פייער, זיינע גרויע האָר זיי־נען מיטאַמאָל געוואָרן שוואַרצע ווי פעך, זיינע ציין זיינען געוואָרן ווי ביי אַ יינגל, די קנייטשן פון זיין פנים זיינען פאַרשוואונדן און זיינע

באַקן האָבן אויסגעזען פול און קיילעכדיק — הכלל, ער איז געוואָרן אַ יונגער, שיינער און קרעפּטיקער מענטש, פּונקט ווי ער האָט גע־וואונטשן.

איצט איז ער שוין געווען מיט אַן אמת גליקלעך, און זיין מיי־דעלע איז אויך גליקלעך געווען.

אָבער פּלוצים איז געשען אַן אומגליק.

ה

ווען די צוויי שוואַרץ־קינצלער האָבן זיך דערוואוסט, וויפיל וואונדער דאָס ווינטש־פינגערל האָט באַוויזן פאַר דעם בעטלער און זיין טעכטערל, זיינען זיי געווען שטאַרק אייפערזיכטיק. דערצו זיי־נען זיי געווען שטאַרק אין כעס, וואָס דער בעטלער האָט זיי אָפּגע־נאַרט און ניט אַהיים־געבראַכט די הון צו זיי, ווי ער האָט צוגע־זאָגט.

האָבן די שוואַרץ־קינצלער באַשלאָסן, אַז זיי וועלן זיך אַריינ־כאַפּן ביינאַכט צו דעם געוועזענעם בעטלער און אַרויסגנבענען דאָס ווינטש־פינגערל. און אַזוי האָבן זיי טאַקע געטאָן.

וויסנדיק, אַז מען וועט זיי אַרומזוכן, זיינען זיי אַוועק אין וואַלד אַריין און זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן אין אַן אַלט, פאַרלאָזן שטיבל, וואָס האָט אַמאָל געהערט צו אַ וואַלד־וועכטער.

ווי נאָר זיי זיינען אָנגעקומען אין וואַלד אַריין, האָט איינער פון זיי צוגעלייגט דאָס ווינטש־פינגערל צו די ליפּן און דאָס ערשטע פאַר־לאַנגט, אַז דער געוועזענער בעטלער זאָל ווערן צוריק אַלט און מיאוס.

און אַזוי איז געשען. דער געוועזענער בעטלער האָט מיט אַמאָל באַמערקט, אַז ער וואוינט שוין ווידער אין דעם אַלטן, איינגעפאַלענעם שטיבל וואָס פריער, אַז ער און זיין מיידעלע טראָגן די זעלביקע אַמאָליקע אָרעמע און צעריסענע קליידער, אַז אַלע שאַף, רינדער און אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס ער האָט געקראָגן, זיינען פלוצים פאַרשוואונדן. דערביי האָט ער אויך באַמערקט, אַז זיין שיינקייט און יוגנטלעכקייט טוט זיך אָפּ פון אים, און זיינע האָר זיינען ווידער גרוי, זיין פּנים איז ווידער פול מיט קנייטשן, און ער איז ווידער פונקט אַזוי מיאוס און אַלט ווי אַמאָל.

און ווידער איז ער געגאַנגען איבער די הייזער און געבעטלט פאַר זיך און זיין מיידעלע.

ו

גייענדיק אַזוי איבער די הייזער, האָט דער בעטלער אַלעמען דערציילט וואָס מיט אים איז געשען. ער האָט דערציילט די גאַנצע געשיכטע פון אָנהויב אָן, און אַלע האָבן אים געזאָגט, אַז ניט אַנדערש, נאָר די צוויי שוואַרץ־קינצלער האָבן ביי אים אַרויסגעגנבעט דאָס גאָלדענע ווינטש־פינגערל.

האָט דער בעטלער זיך געלאָזט אויף די וועגן, זוכן די צוויי שוואַרץ־קינצלער.

גייענדיק, איז ער צוגעקומען צו אַ נעסט פון מייזלעך. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען. בשעת ער איז געזעסן, האָט ער ניט אויפגעהערט צו קלאָגן אויף זיין פאַרלוירענעם אוצר.

מיט אַמאָל איז צוגעקומען אַ מייזל, מיט זייער קלוגע אייגעלעך, און געזאָגט:

— איך בין דער קעניג פון די מייזלעך. איך הער אַז דו קלאָגסט אויף עפּעס, וואָס דו האָסט פאַרלוירן. זאָג מיר וואָס דאָס איז און איך וועל דיר העלפן עס געפינען.

דער בעטלער האָט געעפנט זיין ביטער האַרץ פאַר דעם קעניג פון די מייזלעך און אים אַלץ דערציילט. דער מייזל־קעניג האָט רחמנות געקראָגן אויף דעם אָרעמען אָפּגעגנאַרטן בעטלער, און צוגערופן איינס פון זיינע קלענסטע און קליגסטע מייזעלעך וואָס ער האָט געהאַט. און ער האָט צום בעטלער אַזוי געזאָגט:

— אָט דאָס קליינע קלוגע מייזעלע וועט דיר העלפן געפינען דאָס ווינטש־פינגערל.

דער בעטלער איז זייער דאַנקבאַר געווען דעם גוט־האַרציקן מייזל־קעניג, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיט דעם קליינעם קלוגן מייזעלע.

ז

דאָס מייזעלע איז געגאַנגען פאָראויס, און דער בעטלער פון הינטן. יעדע ווייַלע איז עס אָפּגעלאָפן אַן אַ זייט, באַשמעקט אַלץ אויפן וועג, און געזאָגט צום בעטלער מיט אַ דין, שפּיציק קולכל:

— ניט געזאָרגט! מיר זיינען אויפן ריכטיקן וועג!

אַזוי זיינען זיי אָפּגעגאַנגען איין מעת־לעת און אַ צווייטן מעת־לעת. אויפן דריטן טאָג זיינען זיי אָנגעקומען אין וואַלד אַריין. דאָס

מייזעלע איז נאָך אַלץ געגאַנגען פאָראויס און געהאַלטן אין איין שמעקן. ווען די נאַכט איז צוגעפאַלן, זיינען זיי אָנגעקומען צו יענעם פאַרלאָזענעם וועכטער־שטיבל, וואו די צוויי שוואַרץ־קינצלער האָבן זיך אויפגעהאַלטן.

דאָס מייזעלע איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן פענצטער און אַריינ־געקוקט. ריכטיק, די שוואַרץ־קינצלער זיינען דאָרט געווען. האָט דאָס מייזעלע געהייסן דעם בעטלער זיך אַוועקזעצן אויף דער ערד און זיין זייער שטיל. דערנאָך האָט עס אויפגעזוכט אַ לעכל אין וואַנט, שטיל אַריינגעקראָכן דורך דעם לעכל און געקוקט אויף די צוויי שוואַרץ־קינצלער. ביידע זיינען געשלאָפן און געשמאַק געכראָפּעט. האָט דאָס מייזעלע זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן בעט, און מיט שטילע, ווייכע טריטעלעך געזוכט און גענישטערט.

פּלוצים האָט דאָס מייזעלע דערזען, אַז ביי איינעם פון די שוואַרץ־קינצלער אויפן האַלדז הענגט אַ שנירל, און אויפן שנירל הענגט דאָס גאָלדענע ווינטש־פינגערל. דאָס מייזעלע האָט לאַנג ניט געקלערט, און אָנגעהויבן גריזשען און קייען דאָס שנירל מיט די קליינע, שאַרפע ציינדלעך. עס האָט אַזוי לאַנג געגריזשעט און געקייט, ביז דאָס שנירל איז איבערגעריסן געוואָרן, און דאָס ווינטש־פינגערל איז געבליבן ליגן לויז אויפן שוואַרץ־קינצלערס ברוסט. דע־מאָלט האָט דאָס מייזעלע אונטערגערוקט דאָס קעפּעלע און קונציק אַ כאַפּ־געטאָן דאָס ווינטש־פינגערל אויפן העלדזל. שטיל און פּאַ־מעלעך איז דאָס מייזל אַראָפּגעקראָכן פון בעט, אַ שפּרונג געטאָן איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, און אָט איז עס שוין אין דרויסן.

ח

דער בעטלער האָט זיינע אייגענע אויגן ניט געקאָנט גלויבן. ער איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז צו זיין גליק איז גאָר קיין גרעניץ ניט געווען.

דאָס ערשטע איז ער אַוועקגעגאַנגען צו דעם גוט־האַרציקן מייזל־קעניג. ער האָט צוגעלייגט דאָס ווינטש־פינגערל צו די ליפּן און געוואונטשן, אַז דער מייזל־קעניג מיט אַלע זיינע מייזלעך זאָלן קריגן אַ סך גוטן און געשמאַקן קעז צום עסן. ווען די מייזלעך האָבן דערזען אַזוי פיל קעז ביי זיך, זיינען זיי געוואָרן אויסער זיך פון פרייד, און גענומען טאַנצן אין אַ רינג אַרום דעם בעטלער.

דערנאָך איז דער בעטלער אַהיים געגאַנגען און דערפרייט זיין טעכטערל מיט דער גוטער בשורה. דאָס טעכטערל איז אַזש אונטערגעשפּרונגען פון פרייד, און געזאָגט :

— טאַטע, אויב אַזוי, קאָנען מיר דאָך איצט ווידער האָבן די אַלע גוטע זאַכן פון אַמאָל.

— ניין, מיין קינד — האָט דער פאָטער געענטפערט. — מיר האָבן איבערגעכאַפּט די מאָס... מיר האָבן פאַרלאַנגט אַ ביסל צופיל . . . אַ מענטש טאָר קיינמאָל ניט ווען מער וויפיל ער דאַרף . . . וואָרן אַז מ׳וויל צופיל, בלייבט מען ביי גאָרניט... מיר וועלן פון איצט אָן וויטער קריגן בלויז וואָס מיר דאַרפן, און דאָס איז שוין אויך גענוג . . .

און אַזוי האָט ער געטאָן. קיין בעטלער איז ער שוין ניט געווען, אָבער קיין צופיל רייכטום האָט ער אויך ניט פאַרמאָגט. ער האָט

געהאַט וויפיל אַ מענטש דאַרף האָבן, און דאָס אַליין איז שוין געווען גוט . . .

***

ווען די ברייט־פּלייציקע זשאַקאָווא האָט פאַרענדיקט איר וואונ־דער־מעשה, האָבן אַלע איינגעשטימט, אַז דער בעטלער האָט גע־האַנדלט זייער קלוג, און איטלעכער איז געווען זייער צופרידן וואָס ער האָט צוריק געפונען דאָס גאָלדענע ווינטש־פינגערל.

דער פּרינץ און זיין פרוי, וואָס האָבן אויסגעהערט אַלע צען מעשה־דערציילערנס, האָבן זיך אויפגעהויבן פון דער ערד און אַלע־מען באַדאַנקט פאַר די שיינע וואונדער־מעשות, וואָס זיי האָבן דער־ציילט. יעדע מעשה־דערציילערין האָט געקראָגן אַ שיינע מתנה, און אַלע זיינען אַהיימגעגאַנגען גליקלעכע און צופרידענע.

ווען דער פּרינץ און זיין פרוי זיינען אַריינגעקומען צו זיך אין פּאַלאַץ, זיינען זיי שוין געווען אַ סך קליגער ווי פריער. פון די שיינע וואונדער־מעשות האָבן זיי אַ סך גוטע זאַכן געלערנט.

זיי האָבן דערנאָך געלעבט אַ לאַנגע צייט, און געטאָן אַ סך גוטס.

ע נ ד ע.